## *Faces in Swamps*

The cycle, "Faces in Swamps," was written in hiding during the first days of the Nazi occupation of Vilna. Subsequently, it was hidden in a ghetto cellar and discovered forty-nine years later in Vilnius. The manuscript contains nine poems with the following note in the poet's hand:

> Note. I wrote the nine poems of "Faces in Swamps" in the first 10 days, when the Plague marched into Vilna. Approximately between June 25 and July 5. I wrote them lying stuck in a broken chimney in my old apartment on Wilkomirska Street 14. This way I hid from the Snatchers who dragged off every Jewish male they could find.
>
> My wife carried the poems through all the horrors and tragedies. They were with her through the first provocation, were covered with blood, in prison under Schweinenberg's whip. Miraculously, my wife fled back to the ghetto with the poems, where I no longer was — I had fled in the middle of the night, during the Roundup of the Yellow Permits. When I returned, I found my wife in the hospital where she gave birth to a baby. In her labor pains, she was clutching the poems in her hands.
>
> A.S.
>
> Ghetto Vilna, May 16, 1942.



### * פנימער אין זומפּן

און גרא דורך נאַכט געוואָרן זענען אונדזערע מחשבות,
מאַרגנזון האָט אַנגעגליטן זאַלץ פאַרזייט אין וווּנדן.
און ווײַסע טויבן האָבן באַלד פאַרוואַנדלט זיך אין סאָוועס,
לאַכנדיק פון אונדזער טרוים, וואָס רויכיק איז פאַרשוווּנדן.

— וואָס ציטערסטו, מײַן ערד? צי ווערסטו אויך ווי מיר צעשפּאָלטן
אָדער דײַנע נאָזלעכער דערשפּירן שוין קרבנות?
שלינג אונדז אײַן! די צו־פיל־זיכערקייט האָט אונדז פאַרשאָלטן;
שלינג אונדז אײַן צוזאַמען מיטן דור און זײַנע פּאָנעס!

דאָרשטיק ביסטו, וועלן מיר ווי אויפגעפּלאַצטע קוואַלן
מיטן גאָלד פון אונדזער לײַב פאַרפילן דײַנע גריבער;
און אַ קאָשמאַר פון פנימער אין זומפּן וועט באַפאַלן,
פנימער אין זומפּן איבער זונפאַרגאַנג און שטיבער...

סוף יוני 1941

### Faces in the Mire: I

Night came, turning our abstractions grey.
Doves were owls, white became black.
Our wounds were soldered by the steaming salts of day,
Mocking our dream, smokily calling it back.

Are you trembling earth? Are you as we are: torn?
Does the odor of martyrs tease your sensual memories?
Devour us then, the overconfident, the cursed-when-born.
Devour our generation with its idiot ideologies.

Still thirsty? We'll overflow for you, burst like tires.
We'll pour the gold that is our flesh into your ruts.
A nightmare will go at our faces in the mire,
Faces in the mire, above the dusk, above the wretched huts.

### * אין קאַרצער

ניט אַנדערש: די פינצטערניש וויל מיך דערשטיקן!
די בלײַענע מײַז גריזשען אויס מײַנע בליקן.
איך וואַרף זיך אין קאַרצער און זינק צווישן ווענט:
וואָלט עפּעס געווען וואָס איז מענטשלעך, באַקענט.

דערטאַפּ איך אַ שטיקעלע גלאָז ווו געפאַנגען
עס צוקט די לבֿנה אין גלעזערנע צוואַנגען.
פאַרגעס איך מײַן זינקען אין פיבער געשפּאַנט:
— דאָס האָט דאָך באַשאַפן אַ מענטשישע האַנט!

און כ'צערטל אין גלאָזיקער שאַרף די לבֿנה:
— „דו ווילסט? כ'גיב מײַן לעבן דיר אָפּ אַ מתּנה!"
נאָר ס'לעבן איז הייס און דאָס גלעזל — אַ קאַלטס
און ס'איז מיר אַ שאָד עס צו נעמען צום האַלדז...

ווילנע, סוף יוני 1941

### In the Cell: II

The darkness wants to strangle me.
Invisible, leaden mice gnaw my sanity.
I toss in this awful world of stone,
Dreaming of something human, something known!

I grope and a morsel of glass comes to hand.
The moon pliered in its transparent sand.
I forget whether or not I'm ill:
A hand chipped this, fleshy, palpable.

Testing the lunar edge warily,
I ask: if I offered myself would you want me?
But the glass is freezing, my blood hot.
The blade, my throat: should I? No, not.

* בלעטלעך אש

ד

איך ווארעם טיי מיט דיינע בריוו, —
מיין איינציקער פארמעגן,
עס בלייבן דינע בלעטלעך אש
מיט גליווערעם באשפרינקלט,
וואס איך אליין קען לייענען, קען פרעגן:
איך ווארעם טיי מיט דיינע בריוו,
מיין איינציקער פארמעגן?

זאל שטומער זיין דער ווינט פון א מצבה!
זאל מיין שאטן מער זיך ניט באוועגן!
איין בלאז —
און אל דיין היילנדיקע שיינקייט
וועט אייפערזיכטיק מאכן אלע וועגן.

ווי טייער ביסטו מיר אין בלעטלעך אש,
ווי ליכטיק שטארבסטו אויס אין בלעטלעך אש,
וואס איך אליין קען לייענען, קען פרעגן:
איך ווארעם טיי מיט דיינע בריוו,
מיין איינציקער פארמעגן?

1941 יוני 10

[LOD]

## Leaves of Ash: III

I am boiling tea with your letters,
My only treasure.
All that's left
Of their touching measure
Are leaves of ash,
Fragile, wormed with glow,
That only I can read now as I ask:
Am I really boiling tea with your letters,
My only treasure?

Wind: stay stiller than a gravestone!
Shadow: don't dare move!
A single breath
Would scatter to the jealous world
All the healing beauties
Of my treasure.

How dear you are to me in these leaves of ash.
How radiantly you're fading in these leaves of ash
That only I can read now as I ask:
Am I really boiling tea with your letters,
My only treasure?

C.K. Williams

## * א שטים פון הארץ

א שטים פון הארץ באפעלט מיר: גלייב
אין שוין פארשוועכטן ווארט געריכטשאפט.
דער וויטער יורש פון א לייב
מוז ווידערשפעניקן זיין קנעכטשאפט.

ס'איז דא א גאנג. עס ליגט זיין ציל
אין ווילדן אורוואלד פון זכרון.
ס'איז אויך פאראן אזא באציל,
וואס טראגט דעם סם פון טויזנט יארן.

און זוכסטו פאר דיין פיין א זין —
פארוואנדל זיך אין איר אנטפלעקער,
און הער ווי זיידעס וועקן זין
ווי שטורעמהעק אין בראנדז פון גלעקער.

ס'איז דא א גאנג. איז קלעטער, שפריין,
קויף אויס דעם דורותדיקן שטרויכל.
דער טויט איז מוחל יעדער גריין,
נאר זיין א קנעכט איז ער ניט מוחל.

ווילנע, 22סטן יולי 1941

adon

## A Voice From the Heart: V

A voice from the heart commands me:
Believe in that degraded term, the right.
A lion's however distant progeny
Must shrug off slavery and fight.

There is a way, it arises
In the forests of recollection.
There is also an ancient virus
Still capable of infection.

To make sense of your terrible pain
You must clarify your hells.

Our grandfathers shake mythic chains,
Our sons wake to alarm bells.

There is a path through error:
Redeem history's omission.
Death excuses terror
But never submission.

C.K. Williams



# דער צירק

# *The Circus*

זאג מיר, ברודער מיינער, זאג,
וואס איז ער, וואס באטייט ער, אונדזער הינטישער געראנגל?
דאס הארץ איז דול.
אנטלאפן זענען אלע שיינע ווערטער,
גלייך בינען פון א בינשטאק א באגארטלטער מיט רויך.
נאר ערגעץ אין א הינטערגעסל פון באוווסטזיין שלאגט נאר
א צוקנדיקער פיצל נערוו געראטעוועט פון חורבן,
א לעצטער קרעכץ וואס ווידערשפעניקט יענע בלינדע שטילקייט
וואס ווערט פארחתמעט מיט א הויפן ערד.

ווער זענען מיר?
וואס איז דער זין פון אלע אונדזערע ליידן?
אויב נאר צו זיין קרבנות פאר א בלוטדארשטיקן האר,
דענצמאל זאלן אנשטאט אונדז געבוירן ווערן זשאבעס!
די צונג איז אויפגעבלאטערט פון דער זשאווערדיקער טרייסט,
אז וואלף און לאם וועט הויערן צוזאמען.
און ווי עס ירשנט ענלעכקייט דאס קינד פון טאטע־מאמע —
ירשען מיר די ענלעכקייט פון דורותדיקער פלאג,
פון זיין פארקנעכטע קעלנערס ביי דער וועלטס געגרייטן טיש
און הינטיש דאנקען פאר דער צוגעווארפענער מטבע.
דאס איז די קייט די גאלדענע וואס בינדט צוויי טויזנט יאר,
די טרערן־קייט אויף אונדזערע נשמות.

Tell me, brother, our dog's struggle
What does it mean?
Our heart's gone mad.
All words fled —
Bees from a hive embraced by smoke.
But in a backstreet of the mind,
Still throbs
A flickering nerve saved from destruction,
A last groan
Defying that blind silence
Sealed by a handful of earth.

Who are we? What is
The sense of our suffering?
If only
To be victims of a bloodthirsty lord —
Let frogs be born instead of us!
The tongue is swollen with the rusty promise
That wolf and lamb will dwell together.
As a child resembles father-mother, we
Inherit the resemblances of generations' plague,
Of being waiters at the world's set table,
Grateful for a coin tossed to us.
Is this the golden chain that binds two thousand years,
The tear chain burdening our souls?

אט נעכטן, דאכט זיך, האבן פארמען זייער מאס פארלוירן
און תהומען האבן אויסגעגלייכט די הויקערדיקע קערק
פארדעקנדיק די ניט־בארוטע שארבנס פון די דורות
מיט האפונג —
און מיר זענען גרייט געווען
די בליענדיקע ווונדן אנצונעמען פאר מעדאלן
און שטאלצעווען מיט זיי אין פריילעך־געציקן פאראד:
— האהא, מיר האבן אויך א חלק אין דעם חלום־זאקרויב,
מיר צאלן אויבעט צינדז מיט אונדזער בלוט די רעוואלוציעס!
מיר, מיר.
נאר אויך דער לייב דערזעט ניט די באצווייגטע גרוב
וואס לויערט אויפן גאנג פון זיינע לאפעס.

און היינט — — ערב נאכט, אין אן עיגול,
ארום שייטערס געקופערטע פליגל,
אונטער בייטשן פון שטאלענע וועכטער,
אויף דעם נעכטיקן חברס געלעכטער,
און נאקעט, מיט פלייצעס צעשניטן,
טאנצן מיר: איך אין דער מיטן.
און מיט די אייגענע הענט מיר באדארפן
רייסן דעם זילבערנעם פארמעט און ווארפן
אין שייטער אריין, ווי די אייגענע גלידער,
זינגענדיק פריילעכע רוסישע לידער.
און זע! צווישן שווערדן און שיידן
טראגט זיך דער קול פון גן־עדן,
פלאטערן אותיות פון בבל
און בלייבן אויף נאכטיקן טאוול.

און ווייטער, אויף קנוילן אויף הויכע,
רייסט זיך ארויף דער אנכי
פון גיריק פארשלונגענעם פארמעט
און גארניט —
אויך ער איז דערוויטערט.

It seems, just yesterday,[13] forms lost their measure,
Abysses straightened out their hunchback necks
And covered the unburied skulls of generations
With hope —
And we were ready
To accept the blooming wounds as medals,
Boast of them in a pagan parade:
— Ho, ho, we too take part in the dream-plundering,
With our blood, pay dues to revolutions!
We, we.
But a lion overlooks the branch-covered pit
Lurking at his paws.

Today — at dusk, in a circle,
Around bonfire's coppery wings,
Under whips of steel guards,
At the laughter of yesterday's comrade —
Naked, with striped backs,
We dance: I in the middle.
With our own hands, we are forced
To tear the silver parchment
And toss into the bonfire
Like our own limbs, singing
Happy Russian songs.
Look! Between sword and sheath
The voice of paradise looms,
Letters from Babylon flutter,
Inscribed on the blackboard of night.
And farther, on high coils —
Rising, the "I am"
From a consumed parchment,
And nothing —
He too went up in smoke.

*

דרייז זיך, דריי זיך קאַראַהאָד,
האָסט נאָך אַ געפֿיל — פֿאַרברען אים.
אויב ס'איז דאָ אַ באָד אין גיהנום
זעט דאָרט אויס אַזוי די באָד.

און דער לאָמער אָן אַ שטעקן
און דער רבֿ — דער בלינדער גרײַז,
אַלע האָפּקען אין אַ קרײַז
פֿאַר דער פֿרייד פֿון אַלע עקן.

שטייט אַ פּויערטע און קוועלט:
אָט אַ צירק, ווי גאָט איז איינער!
מאַכט איר שכן: צאָלט זיי שטיינער,
ווײַל אין צירק דאַרף קאָסטן געלט.

און אַ נפֿקא ווײַזט דער צווייטער
אויף דער נאַקעטקייט: דו זעסט?
פֿאַלן שטיינער. ס'פֿײַער פֿרעסט.
קריכט אַ שייגעץ אויף אַ לייטער.

פֿאַלן שטיינער. פֿאַלט דער רבֿ
קושנדיק אין אַש די פֿונקען.
און זײַן שמע ווערט אויך פֿאַרזונקען
אין דער קאַלטקייט פֿון אין־סוף.

✡

Circle, circle, dancing round,
If you have a feeling — burn it,
If there is a bath in hell,
This is where it will be found.

And without a stick the lame
And the rabbi — blind and old,
They're all hopping in a ring
For the joy and for the game.

Peasant woman hops to see:
What a circus, God is One!
Says a neighbor: Pay them stones,
For a circus costs a fee.

One whore points out in the clatter
To another: See them naked!
Stones are falling. Fire devours.
Climbs a *sheygets*[14] on a ladder.

Rabbi falls with stones that fall,
Kissing sparks in ashes flying.
And his *Sh'ma*[15] is drowning too
In the coldness of the All.

*

און איך וואָס בין געווען דער לץ אין שענדלעכן ספּעקטאַקל
האָב ניט געהאַט קיין מוטוויל צו אַרויסשטאַמלען אַ קללה
און ניט צו מאָל דעם כּוח זיך אַ וואָרף צו טאָן אין טויט,
ווי מײַנע ברידער אין דער צײַט פֿון אַדריִאַן דעם רוימער,
בשעת דער גלויבן האָט דערשטיקט אין קערפּער די יסורים
(כאָטש אַלץ איינס איז דורכגעסמט מיט קוילנגלי מײַן האַרץ
און די אויגן פֿון מײַן גײַסט מיט רויך אַדורכגעשטאָכן).
נאָר מערער נאָך: איך האָב געקניט אַ נאַקעטער פֿאַר דעם
וואָס האָט געשענדט מײַן טאַטן אין זײַן קבֿר
און מיט טרערן ווי מיט שוואַרצע פּאָקן
געבעטן גנאָד.

פֿאַרשאָלטענער! ווו איז דײַן אַלטע שילד
וואָס האָט צעבויגן פֿעלקערלעכע שפּיזן?
דערגרייכט דיר ניט קיין פֿאַרב פֿון יענעם בילד,
האָט קיין מאָל זיך דײַן אָפּשטאָם ניט באַוויזן?

איז דאָס דײַן שטראָף צו זשיפּען האַלב געטייט
און פֿרעסן גסיסה־כאָרכל פֿון די ברידער.
ווײַל דו האָסט ניט פֿאַרדינט די לעצטע פֿרייד
פֿון ווערן אויס — דאָס מיינט: פֿון ווערן ווידער.

געשריבן אין אַ באַהעלטעניש, אָנהייב יולי 1941

✡

And I, who was the clown in that disgraceful spectacle,
Had no courage to stammer a curse,
No strength to throw myself into the death,
As did my brothers in the time of Hadrian the Roman
When faith stifled in their body all the pain
(Though my heart is poisoned with coal glow
And the eyes of my spirit are speared with smoke).
Worse: I knelt naked before him,
Who defiled my father in his grave,
And with tears like black pox,
I begged for mercy.

Cursed one! Where is your old shield
That bent the spears of nations?
The colors of that image, don't they reach you?
The blood of your forefathers, was it never revealed?

This is your punishment: to gasp half dead,
Gulping death rattles of your brothers, insane.
For you have not deserved the last bread
Of joy: being naught — which means: becoming again.

***Written in a hiding place, early July 1941***

B. Harshav

## * איך ליג אין אַן אָרון

איך ליג אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער,
איך ליג.
זאָל זײַן, ס׳איז אַ שיפֿל
אויף שטורמישע כוואַליעס,
זאָל זײַן, ס׳איז אַ וויג.

און דאָ,
ווו עס האָבן זיך גופֿן
געשיידט מיט דער צײַט,
רוף איך דיך, שוועסטער,
און דו הערסט מײַן רופֿן
אין ווײַט.

וואָס טוט זיך אין אָרון אַ צאַפּל
אַ לײַב אומגעריכט?
דו קומסט.
איך דערקען דײַן שוואַרצאַפּל,
דײַן אָטעם,
דײַן ליכט.

אַזוי איז אַ פּנים דער סדר:
הײַנט דאָ,
מאָרגן דאָרט,
און איצט אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער,
זינגט אַלץ נאָך מײַן וואָרט.

ווילנע, 30סטן אויגוסט 1941

## I Lie in This Coffin

I lie in this coffin
the way I would lie
in a suit made of wood,
a bark
tossed on treacherous waves,
a cradle, an ark.

From here, where all
flesh is taken to eternity,
I call
to you, sister,° and you
in your distance
still hear me.

*° A reference to his sister who died in Siberia during Sutzkever's childhood.*

Something stirs
in my coffin,
a presence; you're here:
I know you by the stars
of your eyes, your light, your
breath, your tear.

This is the order of things,
and the plot:
today here, tomorrow not.
But now, in my coffin,
my suit made of wood,
my speech lifts,
my speech sings.

Vilna, August 30, 1941

C.K. Williams

## אַ האָרדע מוזיק

א

בײַ אַ וואַרעמען בערגעלע פֿערדישע מיסט
וואַרעם איך, וואַרעם די אײַזיקע הענט.
איך וואַרעם די הענט און דערבײַ מיך פֿאַרדריסט:
צו ווייניק ביז איצטער פֿאַרנומען, דערקענט,
די גרויסקייט פֿון קליינקייט.
ס׳קען טרעפֿן, אַז אויך
פֿון אַ בערגעלע מיסט אָט דער וואַרעמער הויך, —
זאָל ווערן אַ ליד אין דערהויבענער שיינקייט.

ב

מיט אַזעטיקע רגעס
באַגעגנט אין שנייוואַלד,
מוז מען זיך ראַנגלען,
פֿירן מלחמה,
נאָך מער ווי דער גוסס
מיט זײַנע מיקראָבן.
געווינסטו —
וועלן זיי בלײַבן דײַן אייגנס,
אַנטפּלעקן דעם זינען פֿון גאָרן געראַנגל,
געבויר פֿון גורלות
פֿאַרשלאָסן אין שניי.
נאָר ווּעסטו פֿאַרשפּילן דעם שאַרפֿן געפֿעכט —
וועט דיך דײַן אייגענער אָטעם
פֿאַרפֿרירן.

## *A Pack of Music*

*I*

Over a pile of steaming horse dung,
I warm my icy hands.
I warm my hands and regret:
Not enough have I known, have I listened
To the greatness of smallness.
Sometimes,
The warm breath of a pile of dung
May become a poem, a thing of beauty.

*II*

With such moments
In a forest of snow
You have to wrestle
Worse than a dying man
Fighting his microbes.
If you win —
They will become your own,
Revealing
The meaning of struggle,
The birth of fates
Locked up in snow.
But if you lose the furious fencing —
Your own breath
Will freeze you to death.

ג

אליין. פארפרוירענע לויטערע שטילקייט.
אונטער דער שטילקייט —
מיין נאקעטער גוף.
בלויז צוויי איילן ערד זענען מיינע —
די, וווּ איך ליג מיט א צודעק לבנה.

איך שפּיץ מיינע אויערן אן צו דערהערן
א קול פון א חבר,
א קול פון א חבר!
נאר ווי מיין עכא דערטראגט זיך פון וויטן
מוזיק פון וועלף
אין א בלענדיקער האלבראד.

איז דאס מיר געבליבן דאס איינציק־געטריע:
מוזיק פון וועלף —
דאס איינציק־געטריע,
איבער וואלדיקן שניי ווי פארפרוירענע וואיען?
זאל זיין!
עס דערנענטערט זיך שטאליק און שארף
צו מיר, קעגן מיר,
א הארדע מוזיק!

אהער מיינע וועלף,
מיינע טייערע וועלף!
לאמיר ווערן חברים און טרעטן צוזאמען
קעגן פיינדלעכן מענטש, קעגן גיהנומשער קעלט.
הארדע מוזיק, —
פארנעם די וועלט!

ווילנע, זאקרעטער וואלד, דעצעמבער 1941

III

Alone. Pure, frozen calm.
Under the stillness —
My naked body.
Just two yards of ground are mine —
Here I lie, covered by the moon.

I sharpen my ears
For a voice of a friend,
A voice of a friend!
But like my own echo coming back from afar —
Music of wolves
In a shimmering semicircle.

Is this the only faithful thing
I have left:
Music of wolves —
The last faithful thing
Frozen howls over forest snow?
Let it be!
Relentless as steel,
It closes in on me,
A pack of music!

Come close, my wolves,
My dearest wolves!
Let us be friends, let us prowl together
On hostile man, on the devilish whirl.
Pack of music —
Conquer the world!

*Vilna, Zakret Forest, December 1941*

B. Harshav

## * גלוסט זיך מיר צו טאן א תפילה

גלוסט זיך מיר צו טאן א תפילה — ווייס איך ניט צו וועמען,
דער, וואס האט אמאל געטרייסט מיך, וועט זי ניט פארנעמען,
ווייס איך ניט צו וועמען —
האלט זי מיך אין קלעמען.

אפשר זאל איך בעטן ביי א שטערן: „פריינד מיין וויטער,
כ'האב מיין ווארט פארלוירן, קום און זיי אים א פארבייטער!"
אויך דער גוטער שטערן
וועט עס ניט דערהערן.

נאר א תפילה זאגן מוז איך, עמעץ גאר א נאנטער
פייניקט זיך אין מיין נשמה און די תפילה מאנט ער, —
וועל איך אן א זינען
פלאפלען ביז באגינען.

ווילנער געטא, 17טן יאנואר 1942

## Pray

I think I just thought of a prayer,
But I can't imagine who might be there.
Sealed in a steel womb,
How can I pray? To whom?

Star, you were once my dear friend,
Come, stand for the words that have come to an end.

But dear, deaf star,
I understand, you're too far.

Still, someone in me insists: pray!
Tormenting me in my soul: pray!
Prayer, oh wildest surmise,
I still babble you till sunrise.

Vilna ghetto, January 17, 1942

C.K. Williams

4

# אַ טאָג בײַ די שטורמיסטן

א

— בין איך שולדיק, דאַרף איך צאָלן שולד,
און וועמען דען, די הײַנטן צי אַמאָלן?
— אַלץ אײנס, דו נאַר, געננג ס׳איז דאָ אַ ש ו ל ד
און מעגסטו זײַן אַ טעות — מוזסטו צאָלן!

— דו לאַכסט געוויס, איך בין דאָך ניט געווען
מײַן פֿרײַען ווילנס קיין באַשאַף, באַקלער נאַר!
— ניטאָ צו קלערן, פֿרעג ניט וואָס און ווען
און הענג ניט אָן דײַן גלויבן אויף קיין דערנער.

— בין איך און גורל אײנס, צי פֿרעמדע צוויי?
אויב צוויי — אַנטפּלעק, און איך וועל אים פֿאַרוויסטן!
— באַשטים אַליין. מיט העל־זען פֿון דײַן ווײ
דערקען אים אַרום זיך — אין די שטורמיסטן.

ב

גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף, ווי מען הייסט.
זוך איך בעת־מעשה אין דר׳ערד אויך אַ טרייסט.

אַ גראָב און אַ שניט און אַ ווערעמל קליין
עס צאַפּלט פֿון אונטן — דאָס האַרץ קען צעגיין.

צעשנײַדט אים מײַן רידל און — ווונדער דערבײַ:
צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דרײַ.

און ווײַטער אַ שניט, ווערן דרײַ, ווערן פֿיר,
און אַלע די לעבנס באַשאַפֿן דורך מיר?

קומט ווידער די זון אין מײַן טונקל געמיט
און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מײַן אָרעם:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט,
ביסטו ווינציקער דען פֿון אַ וואָרעם?

ג

ניט שלאָג. סײַ־ווי־סײַ טוען גלידער ניט ווײ מער.
זיי געהערן ניט מיר ווי מײַן נעכטיקע שעה.
עפּעס ציט מיך אַ האַנט צו אַ וועלט אַ געהיימער
וווּ קיין טויט איז ניטאָ,
ניטאָ.

מײַן גוף טו איך אויס ווי אַ הילע פֿון שטויבן.
דריי זיך ווידער אין צײַט ווי אַ וועג אויף אַ ראָד.
נאָר אַלמאַי ס׳איז די גרוב ניט באַצאַפּלט מיט שויבן, —
איז באמת אַ שאָד,
אַ שאָד.

ד

אַ ראַבינע פֿון שטורעם אויסגעריסן,
מיט הענגלעך קרעלן אויף צעלאָמטע צווײַגן —
מײַן גוף אין קאַלך.
ס׳איז איך? ווּ איז מײַן איך?
פּרוּווט יעדער גליד
זיך אָנטאַפּן, דערפֿילן:
דאָ.
דאָ.
דאָ.

## *A Day in the Hands of the Stormtroopers*[16]

### *Am I Guilty*

— Am I guilty, must I pay for guilt?
And to whom: the present or the past?
— No difference, you fool, there is a *guilt*,
You may be a mistake — but pay you must!

— Was I created of my own free will?
Think about it, please, and spare your scorn!
— Nothing to think about, don't ask what, when,
And do not hang your faith on any thorn.

— Am I and Fate a one or strangers two?
If two, reveal — I'll beat him to the ground!
— Decide yourself. In the flash of your pain
You see him in the stormtroopers around.

### *Execution*

Digging a pit as one must, as they say.
I seek in the earth a solace today.

A thrust and a cut — and a worm gives a start:
It trembles below me, breaking my heart.

My spade cuts him through — and a miracle, see:
The worm divided — becomes two, becomes three.

I'm cutting again: they are four, they are five —
Was it I who created all of those lives?

Then the sun breaks through my darkest mood
And new hope makes me proud and firm:

If a worm will never succumb to the cut,
Can you say you are less than a worm?

*I*

Don't hit. My limbs do not hurt anymore.
These limbs are not mine, like an hour that's passed.
An unseen hand pulls me out to a world
Where there is no death,
None.

I take off my body like a cover of dust.
Like a road wound up on a wheel, I spin in time.
But the pit is not covered with shuddering panes —
It's really a shame,
A shame.

*II*

Cranberries torn by the storm.
Bunches of beads on snapped twigs —
My body in lime.
Is this I? Where is my I?
Every limb will try
To touch, to feel itself:
Here.
Here.
Here.

און איז פֿון שטיקלעך קוועקזילבער
וואָס לאָזן זיך ניט גאַנצן.
די וואָריקייט באַהערשט שוין ניט מײַן לײַב,
און טוט ניט וויי — ווי מעסערשניט אויף נעגל.
דער חלום איז שוין אמתער
און פּויקט אין קאָפּ:
דול.
דול.
און פֿלעקן פֿאַרן אויג, בלויז פֿלעקן,
ווי שטראַלן־הערצעלעך פֿון מערן.

ווי קום איך דאָ?
אַנטרונען,
ווען, פֿון וועמען?
און ווי אַזוי אַנטרינט מען, ווער באַפֿעלט?
די פֿײַל זעט שטענדיק שאַרפֿער ווי דער אָדלער
כאָטש ער איז הערשער, זי — אַ קנעכט.
שאַ. לעב איבער אויף צוריק, דערמאָן זיך.
ניין, פֿאַרגעס.
ניין־ניין, דערמאָן זיך ווידער:
אַנטלאָפֿן.
דו פֿון טויט צי טויט פֿון דיר?
אַלץ אײנס.
דער חוזק־מאַכער האָט זיך בלויז געשפּילט
און אַנשטאָט דיר אַ הונט אַוועקגעשאָסן.
האָרך, עס בילט דער הונט אין קאָפּ:
דול.
דול.

ה

אין דערין עס נעמט מיר עפּעס קלאָרן
ווי איך וואָלט נײַ געבאָרן:
די פֿלעקן פֿאַרן אויג — אַוועק, אַוועק,
איין ווײַסער פֿלעק
פֿון קאַלך צעלאָזט אין וואַסער,
וואָס זידט און זעט:
איך ליג אין אים פֿאַרזונקען
האַלב דערטרונקען,
און ס'ציִען זיך פֿון מיר אַזוינע פֿלײציקע רובינען,
טריפֿן, רינען
שורותדיק ווי לידער
און וואָרצלען אײַן אַ שמייכליק־ראָזן זונפֿאַרגאַנג אין קאַלך.

די קאַלכגרוב ווערט מיר ליב, איך ליג און טראַכט:
„אַצינד וועל איך ניט אויפֿהערן צו גאַפֿן
ביז נאַכט, ביז נאַכט,
אויפֿן שענסטן זונפֿאַרגאַנג, דורך מיר אַליין באַשאַפֿן."

ווילנער געטאָ, מײַ 1942

Pieces of quicksilver
That won't come together.
Reality has no grip on by body.
No pain — like knifecuts on nails.
Dream is truer —
Drumming in my head:
Madness.
Madness.
And stains before my eyes, just stains
Like radiating hearts of carrots.
How did I get here?
Fled.
When? From whom?
How do you flee? Who gives the order?
The arrow sees sharper than the eagle,
Though he is ruler, she — a slave.
Hush. Live it backward, recall.
No, forget.
No, no, recall again:
Escaped.
You from death or death from you?
No matter.
The mocking man just played:
Instead of you, he shot the dog.
Now the dog howls in your head:
Madness.
Madness.

*III*

Dawn,
As if I were born anew:
The stains — gone.
One white stain of lime,
Dissolved in water,
Seethes and sees:

I lie steeped in it,
Half-drowned,
And melted rubies emanate from me,
Drip, run away
In lines like poems, plant
A smiling rosy sunset in the lime.

I grow fond of the limepit.
I lie and contemplate:
"I shall not cease to be amazed —
Till night, till late —
At the loveliest sunset
That I myself create!"

*Vilna Ghetto, May 1942*

B. Harshav



## מײַן מאַמע

א

עס וואָרקעט אַ פֿרײַטיק צו נאַכטס אויף אַ בוידעם,
צוקסט בײַ דער שײַן פֿון לבֿנה אין סידור.
עס דאַוונען די שפּיצן בײַ דיר פֿון דער לאַטע
און צוקן ווי טיילן פֿון מענטשישע גלידער.

עס טריפֿט מיט לבֿנה פֿון דײַנע שוואַרצאַפּלען,
די מאַמישע טראָפּנס באַלויכטן מײַן גלויבן:
דײַן תּפֿילה דערמאָנט מיר אָן וואַרעמע חלה,
דו קאָרמעסט מיט האַרציקער תּפֿילה די טויבן.

אין יעדער דײַן קנייטש איז באַהאַלטן מײַן לעבן,
איך הער ווי דו הוסט און דו ציטערסט, אַז קיינער
דעם הויך זאָל ניט הערן — ווײַל דאָ, אין אַ ווינקל,
פֿאַרשאָטן מיט ערד, ליגן אויך מײַנע ביינער.

עס דרעמלט דײַן האַנט אויף מײַן שטערן: זײַ רויִק,
אַ טאָג אָדער צוויי די ישועה — אַ גיכע.
דײַן אַנדערע — האַלטסטו בײַ מיר אויפֿן אויער,
איך זאָל ניט דערהערן די שטים פֿון רציחה.

ב

וועסט מיך ניט נאַרן: איך ווייס דו ביסט טויט.
כאָטש דו לעבסט אין מײַן חלום. וואָס ברענען
אין דײַן האַרצן דרײַ רויזן אין שאַרלאַכן רויט?
פֿאַרשטעל ניט.
איך ווייס ווער דאָס זענען!

פֿאַרשטעל זיי ניט מאַמע, וואָס נאַרסטו דײַן קינד,
ווי קומען דאָ רויזן צעבליטע?
איך זע דאָך דרײַ פּורפּורנע קוילן אַצינד:
אַן ערשטע, אַ צווייטע, אַ דריטע.

ג

צימבלט, איר צימבלען,
דערפֿרייט אַ געלעכטער, פֿאַרטויבט אַ געשריי.
דורך פֿעלדער
איצט יאָגט מען מײַן נאַקעטער מאַמען,
איר לײַב איז אַ שטראַל אין די שפּיגלען פֿון שניי.

און זי, ווי צום אויסלייז,
יאָגט ערגעץ גיך, גיך
און דורך דער פֿאַרפֿרוירענער טרער, וווּ די זון גליט
געפֿאַנגען אויף אייביק, דערזעט זי איצט מיך.

און צווישן איר ווידוי
שיקט זי אַריבער אַ בענטשונג דעם זון.
עס קנאַלן די ביקסן.
זי פֿאַלט ווי אַ טויב אויפֿן טראָן פֿון דער זון.

ד

און וווּ בין א י ך געווען,
בעת אונטער צימבלען
האָט מען דיך געשלעפּט צום עשאַפֿאָט?
— אין הינטישער בודע פֿאַרגראָבן ס'געביין,
מיט הינטישער פֿרייד וואָס פֿאַרשילט זיך אַליין,
אויף ליפּן — אַ פּיאַווקע,
אין אויער — אַ שפּין,
האָב איך געלוגט דורך אַ שפּעלטל אַהין,

## *My Mother*

*I*

Friday evening in an attic, cooing.
You flicker at the moonshine in a *Siddur*.[19]
The points of your yellow patch are praying,
Like human limbs, they flicker and endure.

The pupils of your eyes drip with moon.
Mama-drops illuminate my faith with love.
Your prayer brings to me the smell of warm *challah*,[20]
With fervent prayer you feed the doves.

In each of your wrinkles my life is concealed.
I hear you cough. You tremble, trying
To hide it, lest anyone hear — for there in a corner,
Covered with earth, my bones are lying.

Your hand on my forehead is dozing: be calm,
Just a day or two, salvation — is near.
Your other hand on my ear is resting:
The voice of the murder I must not hear.

*II*

You won't fool me: I know you are dead.
Though you live in my dream. Why do they char
Your heart, three roses in scarlet red?
Don't cover up.
I know who they are!

Don't cover up, Mama, you can't fool your child!
How can they bloom here, three roses unheard?
I see three bullets, purple and wild:
The first, the second, the third.

*III*

Bring on the cymbals,
Bring joy to a laughter, mute the scream of a crow.
Through fields
They chased my naked Mama,
Her body a ray in the mirrors of snow.

And she, as to redemption,
Runs somewhere, faster, fast.
And through her frozen tear, where the sun glows
Imprisoned forever, she sees me at last.

And amid her confession
She sends a blessing to her son.
The rifles pound.
She falls like a dove on the throne of the sun.

*IV*

Where was I,
When cymbals crashed
And they dragged you to the scaffold?
— in a dog's kennel; I buried my bones,
With a dog's joy that curses itself,
On lips — a leech,
In ear — a spider,
I peeped through a crack to see:

ווו אונטער לבֿנה, וואָס שפּיגלט דער נאַכט,
שפּילט זיך דער ווינט מיטן פּערלנעם שניי.
און די שנייען־קאַפּעליע,
ס׳געהיימע געדריי
אויפֿן פֿאָן פֿון לבֿנה —
פֿון וואַנען די פּראַכט?
ס׳האָט איטלעכער פּערעלע שניי זיך געשפּילט
מיט זײַן אײגענעם שאָטן, און מיר האָט דאָס בילד
פֿאַרשאַפֿט אַזאַ תּענוג,
אַז כ׳האָב אַזש געבילט — —

ה

לײַכטן מיר דרײַ קוילן אין דער נאַכט,
לויף איך זיי צום אויסלייזן פֿון שאָטן.
קום איך צו אַ געלן טויער מיט אַ שילד באַוואַכט:
״אַכטונג! דאָ איז קרעץ. פֿאַר ניט־ייִדן — פֿאַרבאָטן!״

בײַס איך דורך די שטיינער מיט די ציין
און פֿאַרן ליכט פֿון אויסגעזעצטע שויבן־ווײַסלען זע איך:
די הײַזער — אָן נשמות. כ׳בין אַליין.
די גאַסן — אַ פֿאַרלאָשענער מזבח.

האָב איך מורא אָנצוזען דײַן שויב,
אָטעמט מיט דײַן גסיסה יעדער שטאַפּל.
זוך איך מיטן מויל דײַן מינדסטן שטויב,
פֿיל איך דיך אין ווינטישן געצאַפּל.

פֿאַל איך צו אַ שטיינערדיקער שוועל:
— מאַמע, איך בין דאָ צוריק, זאָלסט וויסן!
און די קוילן ווייטיקדיק און העל
ברענען אין דעם אומרו פֿון געוויסן.

ו

זוך איך די ליבע פֿיר ווענט,
ווו דו האָסט געאָטעמט,

שווינדלען די טרעפּ אונטער מיר
ווי אַ וואַסערגרוב קאָכיק.

דערטאַפּ איך די קליאַמקע און רײַס
די טיר צו דײַן לעבן,

דאַכט מיר: אַ פֿייגעלע וויינט
אין שטײַג פֿון די פֿינגער.

קום איך אין צימער אַרײַן
ווו ס׳טונקלט דײַן חלום —

צאַנקט נאָך דאָס לעמפּעלע קוים,
וואָס דו האָסט געצונדן.

שטייט אויפֿן טיש אַ גלאָז טיי, —
ניט באַוויזן דערזופּן,

צאַפּלען נאָך פֿינגער אַרום
אויף די זילבערנע ראַנדן.

בעט רחמים דאָס צינגעלע ליכט
אין צוקיקן לעמפּל —

דערגיס איך אין לעמפּל מײַן בלוט
ס׳זאָל ניט אויפֿהערן לײַכטן.

Under the moon — mirror to the night,
The wind plays with pearls of snow.
Snow-orchestra,
Mysterious swirl
Against the moon —
Whence such splendor?
Each tiny pearl
Of snow played
With its own shadow and the image
Gave me such pleasure
That I burst into barking— — —

*V*

For me, in the night, three bullets shine.
I run, from shadows dark to set them loose.
I reach a yellow gate with watching sign:
*"Achtung! Plague. Off limits to non-Jews!"*

With my teeth, I bite through the stone
In light of slivered eyewhite panes, I falter:
The houses — with no souls. I am alone.
The streets — a burnt-out altar.

And I fear to watch your window pane.
Breathing with your dying, every stair.
With my mouth, I seek your smallest grain
Of dust. I feel you in each tremor of the air.

I drop to a threshold of stone, gray-white:
— Mama, here I am, I'm returning!
And the bullets, painful and bright,
In the turmoil of my conscience, burning.

*VI*

I seek the dear four walls
Where you once breathed.

The stairs dizzying under me
Like a whirlpool moiling.

I touch the doorknob and tug
The door to your life,

It seems: A little bird cries
In the cage of my fingers.

I walk into the hollow room
Where your dream darkens —

Barely flickering, the oil lamp
You have lit.

On the table, a glass of tea
You didn't sip to the end,

Fingers still throbbing
On its silver rim.

Begging for mercy, the tongue of light
In the flickering lamp —

I pour into the lamp my blood
So it won't stop shining.

ז

כ׳געפֿין אַנשטאָט דיך אַ צעריסנס דײַן העמד,
נעם איך צום האַרצן און דריק עס פֿאַרשעמט.
עס ווערן די לעכער פֿון העמד מײַנע טעג
און דער זוים פֿונעם העמד ווערט אין האַרץ מיר אַ זעג.

צערײַס איך פֿון לײַב מײַנע קליידער און קריך
אין דײַן אָפֿענעם נאַקעטן העמד ווי אין זיך.
ס׳איז מער ניט קיין העמד, ס׳איז דײַן ליכטיקע הויט,
ס׳איז דײַן קאַלטער, דײַן איבערגעבליבענער טויט.

ח

רעדסטו צו מיר
אַזוי וואָרהאַפֿטיק עכט:
— ניטע, מײַן קינד,
ס׳איז אַ זינד, ס׳איז אַ זינד,
און אונדזער צעטיילונג
נעם אָן פֿאַר גערעכט.

אַז דו ביסט פֿאַראַן,
בין איך דאָ סײַ־ווי־סײַ,
ווי דער יאָדער אין פֿלוים
פֿאַרמאָגט שוין דעם בוים
און די נעסט און דעם פֿויגל
און אַלץ וואָס דערבײַ.

ווילנער געטאָ, אָקטאָבער 1942

*VII*

Instead of you, I find a coat of many colors.
I press it to my heart, bashful and raw.
The holes of your shirt become my days
And the seam of your shirt in my heart like a saw.

I rip the clothes off my body and creep
Into your naked shirt as into myself.
No longer a shirt—your shining skin,
Your cold, your everlasting death.

*VIII*

You are talking to me
So palpably bright:
—Don't, my child,
It's a sin, it's a sin!
This is our parting—
Accept it as right.

If you are still here,
Then I exist too,
As the pit in a plum
Bears in it the tree
And the nest and the bird
And the chirp and the coo.

*Vilna Ghetto, October 1942*

## פֿון דער פּאָעמע דרײַ רויזן

א

צעשערבלטער זונפֿאַרגאַנג — וואַרעמער האָגל,
די צײַט אויף מײַן צונג האָט פֿאַרלוירן דעם זינען.
לויף איך און פֿאַל ווי אַ שטיין
אין אַן אָפּגרונט
און פֿאַלנדיק וויל איך אַן אויסלייז געפֿינען.

און פֿאַלנדיק דאַוון איך צו דער פֿאַרגעסונג
פֿאַרליאָפּען זי זאָל מײַן זכּרון מיט אַלים.
ביז וואַנען איך ליג אויפֿן דעק פֿון אַן אָפּגרונט,
אויף צערטלעכע
ראָז־ווייכע שלענג
פֿון אַ חלום.

און דאַכט זיך די שלענג זייגן־אויס מײַן זכּרון,
פֿאַרלעשן די ריחות,
פֿאַרטונקלען די פֿאַרבן
און פֿינצטערניש־מעסער שנײַדט־אויף אַזאַ אָדער
דורך וואַנען די צײַט
ריזלט־אויס פֿון מײַן שאַרבן,
דאָר קאָן זיך מײַן רעיון
פֿון זיך ניט באַפֿרײַען:
אונטערן אַש פֿון געווועזענעם לעבן
(דאָרט גליִען די שפּליטערס
פֿון געטלעכן פֿורעם)
אַנטפּלעקט זיך מײַן מאַמע
אין קווייטן־פֿאַטשיילע
און אויגן: צוויי בענטשליכט אין שטורעם.

## *Three Roses*[17]

## *From the Poem "Three Roses"*

*I*

Slivered sunset—shards of hot hail.
Time on my tongue lost its mind.
I run and fall like a stone
Into an abyss.

Falling, I pray to oblivion:
Splatter my memory with acid.
Later, I lie in the depth of an abyss,
On delicate,
Rosy-soft serpents
Of a dream.

The serpents suck out my memory,
Extinguish the smells,
Deepen the colors.
The knife of darkness cuts open a vein.
Time seeps out of my skull.
But my mind cannot
Free itself of itself:
Under the ash of what once was life
Splinters of God's image
Still glowing—
A vision of my mother
In her flowery shawl
And eyes: two candles in the storm.

ב

דו האָסט זיך באַהאַלטן, באַהאַלטן, באַהאַלטן,
אַ וואַנט האָט געפּלאַצט און פֿאַרשלונגען אין שפּאַלטן
בעת ווערעמדיק האָבן דײַן אָטעם געזוכט
סמאלס געשטאַלטן.

געזוכט — ניט געפֿונען, זיך אָפּגעשאַרט שיכּור,
און פּלוצעם: ווער ברעכט עס די ווענטיקע שטיקער?
אַ ייִד... מגן־דוד... צי ביסטו עס, קינד,
אפֿשר גאָר דער באַגליקער?

אַ טעות, אַ טעות, דער ייִד האָט פֿאַרראָטן,
ער שלעפּט פֿאַך די האָר און דער שלעפּ איז געראָטן.
און די האָר ווערן ווײַס, אין אַן אויגנבליק ווײַס,
מיט שנייען באַשאָטן.

*II*

You were hiding, hiding, hiding your tracks.
A wall split and swallowed you up in its cracks,
When Satan's mignons, like worms,
Sought your breath.

Sought — not found, and drunk, moved away,
Suddenly: who's breathing the wall, looks for prey?
A Jew . . . *Mogen Dovid*[18] . . . Is it you, my child,
Or perhaps the savior?

Wrong, wrong, the Jew has betrayed.
He drags by the hair, you are stunned and afraid.
Your hair turns white,
Covered with snow.

ג

אַ וואָגשאָל ניט צו באַרירן
וויגט זיך אַהין־אַהער:
פֿון איין זײַט אַ וועלט אין קאַפּויער
און איך געקרייצט אויף אַ טויער,
אויף צווייטער — אַ קליינע טרער.

די וועלט באַווערעמט מיט מענטשן,
האָט ניט פֿון מענטש קיין באַגריף.
נאָר די טרער וואָס לאָזט זיך ניט טיילן
קען וועגן טויט דערציילן
און וועגט אַראָפּ אין דער טיף.

*III*

An untouchable scale
Swings back and forth:
On one pan the world topsy-turvy
And I, crucified on a gate,
On the other — a teardrop.
The world swarming with me,
Has no idea what man is.
But the teardrop that would not be split
Can tell you of death.
It weighs deeper.

ד

ווער לויפֿט עס דורך דער טויטער שטאָט מיט אויפֿגעפֿאָכטע פֿליגל,
ווי אַן עוף מיט חלף־שניט אין האַלדז,
אַרויסגעריסן
פֿונעם קוילערס אײַנגעפֿלעקטע הענט?
מיט שוואַרצע רויכן
וויקלט אים די נאַכט,
ניט צו דערקענען.
אָבער ס'האַרץ מײַנס,
וואָס פֿאַרלויפֿט געשעונגען
און פֿילט דאָס ניט־דערפֿילטע,
קלאַפּט אין ריטעם פֿון אַיענעמס לאָף
און וואָס אַ רגע
לויפֿט עס גיכער, גיכער
שוין באַפֿרײַט פֿון אַלע מאָסן.
פֿינף מאָל,
צען מאָל,
הונדערט מאָל
אַזוי דער גיך ווי יענער,
ביזקל עס דערפֿלאַטערט צו די טויערן פֿון געטאָ
וווּ ס'הענגט אַ שילד מיט רײַסנדיקע אותיות:
אַכטונג!
פּעסט.
פֿאַר ניט־ייִדן פֿאַרבאָטן.
און דאָרטן כאַפּט עס דעם געשטאַלט בײַם קאָלנער
ווי אַ גנבֿ
און פֿאַרן ליכט פֿון אויסגעזעצטע שויבן־ווײַסלען
זעט עס:

*IV*

Who runs through the dead city with flapping wings
Like a chicken with its throat slit,
That tore out
Of the slaughterer's stained hands?
Night enfolds him
In black smoke,
Unrecognizable.
But my heart,
Sensing what cannot be sensed,
Beats in time to that running.
It runs faster, faster,
Beyond all measure.
Fiye times,
A hundred times
As fast as him.
It hovers to the gates of the ghetto
Marked by a plague with screaming letters:
*Achtung!*
*Plague.*
*Off Limits to Non-Jews.*
And there, it grabs the figure by the collar
Like a thief

And in the light of broken eye-white panes,
It sees:

אַ מענטש די גרייס אַ פֿינגערהוט,
און גרעסער ווי איעדער.
אָן בגדים.
ווינטיש נאַקעט.
זײַן הויט פֿון בלויען כוואַליעדיקן גלאָז
איז דורכזיכטיק
און זי אַנטפּלעקט, אַ שרעק אַזוינס צו גלייבן,
אַל דאָס אינעווייניקסטע, פֿאַרשטעלטע:
אַ מחנה חושים אָנגעטאָן אין קייטן
ווי פֿאַרברעכערס
און איבער זיי אַ פּורפּלנע נאַגײַקע.
און יעדער חוש באַזונדער
בײַסט בײַם אַנדערן דעם גאָרגל:.
— דו ביסט שולדיק, דו.
און שרײַט אויף ייִדיש...

דאָס רעכטע אויג איז גאָלדיק־בלוי,
אַ דענקמאָל נאָך אַ קינדהייט
אינעם קבֿר פֿון אַ דימענט.
און ס'לינקע, שוין אַן אַלץ געזעענס,
אַן אויסגעבליצטער וואָלקן,
און אויפֿן וואָלקן בעלמעט זיך
אַ געלער מגן־דוד.

A man as big as a thimble
And bigger than everybody else,
Windy naked.
His skin of blue, wavy glass,
Transparent,
Reveals (it's scary to believe):
All the inside, the hidden:
A horde of senses fettered in chains
Like criminals
And over them a purple whip.
And every single sense
Bites the other's throat:
— It's your fault, yours.
And screams in Yiddish . . .

The right eye is gold-blue,
A monument to a childhood
In the grave of a diamond.
The left eye, seen everything,
A cloud empty of lightning,
And on the cloud, a cataract —
A yellow *Mogen Dovid*.

ה

צי ווײַל עס וויל מײַן גולם־קאָפּ אַדורכהאַקן די ערד,
צי ווײַל עס בענקען מײַנע פּיאַטעס צו דערזען די שטערן,
מיך ציט אַ פֿלי צו טאָן פֿון דאַך מיט שאַרפֿקייט פֿון אַ שווערד
און אויס נקמה זיך אַליין צעשטערן.

*V*

Either because my Golem-head wants to break through the earth,
Or because the soles of my feet long to see the stars —
I am drawn to fly off the roof with the sharpness of a sword
And, out of vengeance, to destroy myself.

ו

ניין, ס'איז דײַן ריידן צו גנעדיק, צו מאַמיש,
טרייסט וועט ניט היילן ווען זינד איז צו טמא.
בין איך צו שוואַך צו דערשטעכן דײַן מערדער —
נעמען אין זיך מוז איך דעמאָלט נקמה.

באַצאָלונג מוז קומען. און איך, דײַן געבוירנס,
מוז ווערן אויף אייגענעם גורל דער דיין.
ווי אַ צעבראָכענער ביין פֿון זײַן ווייטיק
וויל זיך מײַן גײַסט פֿון דער תּפֿיסה באַפֿרײַען.

און אפֿשר איז אָפּגרונטיק־פֿאַלש דער אַ חשבון
און דאָס איז די שטראָף: זיך צו פּײַניקן ווײַטער?
און אפֿשר דערפֿאַר איז געבליבן דײַן ליבשאַפֿט
און לאָזט מיך ניט ווערן אַן אייביק באַפֿרײַטער?

*VI*

No, your words are too gracious, too maternal.
Consolation won't heal when sin is defiled.
If I'm too weak to stab your murderer —
On myself I must bring a vengeance wild.

Payment must come. I, your offspring,
Of my own fate I must be the judge. I wail:
As a broken bone wants to flee from its pain,
My soul wants to break out of its jail.

And maybe this reckoning is abysmally false
And *this* is the punishment: myself to torment?
And maybe your love has remained, keeping me
From leaping into freedom, forever pent?

ז

איך עפֿן אַ פֿענצטער אַ פֿראָסט זאָל אַרײַן,
לבֿנה זאָל אויפֿהענגען מיך אויף איר שײַן.
אַלץ וואַרעמער ווערט מײַן געבליט ווען איך פֿריר,
אַלץ ווײַטער פֿון שטוב און אַלץ נענטער צו דיר.

*VII*

I open a window to let in the frost,
Let the moon hang me in the noose of her shine.
My budding gets warmer as I freeze,
Farther from home and closer to you.

ח

ווײַל דו ביסט דעם טײַך שוין אַריבערגעשווומען
ביסטו שוין פֿרײַ
און דײַן לעבנס־קאָליר
אַוועק מיט די כוואַליעס.

*VIII*

You had swum across the river —
You are free
And your life-color
Went off with the waves.

אויף יענער זייט ברעג
איז ניטא קיין זכרון.
געדענקסט ניט אפילו
ווי קומסטו אהין,
ווייל דעם טויט ס'טו געלאזן
אויף דער זייט.

און אויף דער זייט בין איך
מיט דיין גסיסה אין מוח,
וואס זעטיקט מיך, גערט,
ווי ביים אנהייב דיין מילך,
נאר באַרירן דיך קאן איך ניט, מאמע.

ווייל דו ביסט א נעפל
געשפונען פון טרערן
און איך — אזא קנויל
צעשניטענע ווערטער
(וווּ איין וואָרט: נקמה
האלט נאר אין זשיפען)
און כ'וואַרט אז דער טייך
זאל א שטראם טאן, א ריס טאן
אונטער די טריט
און מיין לעבנס־קאליר
זאל אניאגן דיינעם.

ט

כ'וועל נעמען א רידל, אוועקגיין דיך זוכן,
צעאַקערן פעלדער און דורכגראבן קברים.
כ'וועל פרעגן די גראזן און דערנער פארזוכן
און פילן דיין שאטן ביי מיר אויפן ארעם.

און וועל איך ניט קענען אהין־צו דערלאנגען,
כ'וועל גראבן אין ווערטער און רידלען אין קלאנגען.
ביז וואנען איך וועל ניט באפרייען די רויזן
פון טונקעלן לאנד וווּ זיי זענען פארגאנגען.

ווילנער געטא, אקטאבער 1942

On the other shore
There is no memory.
You don't even recall
How you got there,
For you left death
On *this* side.

And on this side am I
With our dying in my brain,
Suckling me, feeding,
Like your milk in the beginning.
But I cannot touch you, Mama.

For *you* are a mist
Spun out of tears,
And I — a tangle
Of sliced-up words
(Just one word: vengeance
Still gasping).
I wait for the river
To pull off, stream away
Under my footsteps,
And my life-color —
To catch up with yours.

*IX*

I shall take a spade and walk off to seek you,
I shall plow up fields, dig up graves.
I shall ask the grass, I shall taste the thorns
And feel your shadow on my arms.

And if I cannot reach out to you,
I shall dig into words and spade into sound.
Until I shall free the beautiful roses
Of the dark land where they went down.

*Vilna Ghetto, October 1942*

## * א וואגן שיך

די רעדער יאגן, יאגן,
וואס ברענגען זיי מיט זיך?
זיי ברענגען מיר א וואגן
מיט צאפלענדיקע שיך.

דער וואגן ווי א חופה
אין אוונטיקן גלאנץ;
די שיך — א פולע קופע
ווי מענטשן אין א טאנץ.

א חתונה, א יום־טוב?
צי האט מיך ווער פארבלענדט?
די שיך — אזוינע נאנטע
אויף ס'ניי איך האב דערקענט.

עס קלאפן די אפצאסן:
וווּהין, וווּהין, וווּהין?
פון אלטע ווילנער גאסן
מע טרייבט אונדז קיין בערלין.

איך דארף ניט פרעגן וועמעס,
נאר ס'טוט אין הארץ א ריס:
א, זאגט מיר, שיך, דעם אמת,
וווּ זענען זיי די פיס?

## A Load of Shoes

The cartwheels rush,
quivering.
What is their burden?
Shoes, shivering.

The cart is like
a great hall:
the shoes crushed together
as though at a ball.

A wedding? A party?
Have I gone blind?
Who have these shoes
left behind?

The heels clatter
with a fearsome din,
transported from Vilna
to Berlin.

I should be still,
my tongue is like meat,
but the truth, shoes,
where are your feet?

די פּיס פֿון יענע טופל
מיט קנעפּעלעך ווי טוי, —
און דאָ — ווּ איז דאָס גופל,
און דאָרט ווּ איז די פֿרוי?

אין קינדערשיך אין אַלע
וואָס זע איך ניט קיין קינד?
וואָס טוט ניט אָן די כּלה
די שיכעלעך אַצינד?

דורך קינדערשיך און שקראַבעס
כ'דערקען מײַן מאַמעס שיך!
זי פֿלעגט זיי בלויז אויף שבת
אַרויפֿציִען אויף זיך.

און ס'קלאַפּן די אַפּצאַסן:
ווּהין, ווּהין, ווּהין?
פֿון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרײַבט אונדז קיין בערלין.

ווילנער געטאָ, 1טן יאַנואַר 1943

The feet from these boots
with buttons outside
or these, with no body,
or these, with no bride?

Where is the child
who fit in these?
Is the maiden barefoot
who bought these?

Slippers and pumps,
look, there are my mother's:
her Sabbath pair,
in with the others.

The heels clatter
with a fearsome din,
transporteo 'rom Vilna
to Berlin.

Vilna ghetto, January 1, 1943

## צום קינד

צי פֿון הונגער,
צי פֿון גרויסער ליבשאַפֿט, —
נאָר אַן עדות איז דערבײַ דײַן מאַמע:
איך האָב געוואָלט דיך אײַנשלינגען, מײַן קינד,
בײַם פֿילן ווי דײַן גופל קילט זיך אָפּ
אין מײַנע פֿינגער,
גלײַך איך וואָלט אין זיי געדריקט
אַ וואַרעמע גלאָז טיי,
פֿילנדיק דעם איבערגאַנג צו קאַלטקייט.

ווײַל דו ביסט ניט קיין פֿרעמדער, ניט קיין גאַסט,
אויף אונדזער ערד געבוירט מען ניט קיין צווייטן, —
זיך אַליין געבוירט מען ווי אַ רינג,
און די רינגען שליסן זיך אין קייטן.

קינד מײַנס,
וואָס אין ווערטער הייסטו: ליבשאַפֿט,
און ניט אין ווערטער ביסטו עס אַליין,
דו — דער קערן פֿון מײַן יעדער חלום,
פֿאַרהוילענער דריטער,
וואָס פֿון די וועלטישע ווינקלען
האָסטו מיטן ווונדער פֿון אַן אומגעזעענעם שטורעם
צונויפֿגעבראַכט, צונויפֿגעגאָסן צווייען
צו באַשאַפֿן דיך און צו דערפֿרייען: —

פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרטונקלט דעם באַשאַף,
מיט דעם וואָס דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן
און געלאָזט מיך בעטלערדיק אין דרויסן

## To My Child

Because of hunger
or because of great love—
your mother will bear witness—
I wanted to swallow you, child,
when I felt your tiny body
cool in my hands
like a glass
of warm tea.

Neither stranger were you, nor guest.
On our earth, one births
only oneself, one links
oneself into rings and the rings into chains.

Child, the word for you would be love
but without words you *are* love,
the seed of dream,
unbidden third,
who from the limits of the world
swept two of us
into consummate pleasure.

How can you shut your eyes,
leaving me here
in the dark world of snow
you've shrugged off?

צוזאַמען מיט אַ וועלט אַן אויסגעשנייטער,
וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפֿן אויף צוריק?

דיך האָט ניט דערפֿרייט קיין וויג,
וואָס יעדער איר באַוועגונג
באַהאַלט אין זיך דעם ריטעם פֿון די שטערן.
עס מעג די זון צעברעקלען זיך ווי גלאָז —
ווײַל קיין מאָל האָסטו ניט געזען איר שײַן.
אַ טראָפּן סם האָט אויסגעברענט דײַן גלויבן,
דו האָסט געמיינט:
ס'איז וואַרעם־זיסע מילך.

— — — —

איך האָב געוואָלט דיך אײַנשלינגען, מײַן קינד,
כּדי צו פֿילן דעם געשמאַק
פֿון מײַן געהאָפֿטער צוקונפֿט.
אפֿשר וועסטו בליִען ווי אַ מאָל
אין מײַן געבליט.

נאָר איך בין ניט ווערט צו זײַן דײַן קבֿר.
וועל איך דיך אַוועקשענקען
דעם רופֿנדיקן שניי,
דעם שניי — מײַן ערשטן יום־טובֿ,
און וועסט זינקען
ווי אַ שפּליטער זונפֿאַרגאַנג
אין זײַנע שטילע טיפֿן
און אָפּגעבן אַ גרוס פֿון מיר
די אײַנגעפֿרירטע גרעזלעך — —

ווילנער געטאָ, 18טן יאַנואַר 1943

You never even had your own cradle
to learn the dances
of the stars.
The shameful sun, who never shone
on you, should shatter like glass.
Your faith burned away
in the drop of poison
you drank down as simply
as milk.

I wanted to swallow you, child,
to taste
the future waiting for me.
Maybe you will blossom again
in my veins.

I'm not worthy of you, though.
I can't be your grave.
I leave you
to the summoning snow,
this first respite.
You'll descend now
like a splinter of dusk
into the stillness,
bringing greetings from me
to the slim shoots
under the cold.

Vilna ghetto, January 18, 1943

## צום יאָרטאָג פֿון געטאָ־טעאַטער

א

...מיר האָבן אַליין זיך פֿאַרמויערט
און לעבן באַזונדער.
ניט שמייכלט אַרײַן פֿון דער פֿרײַ, ניט באַדויערט —
פֿאַר אונדז קען אַפֿילו דער טויט זיך צעבליִען אין וווּנדער.

ווי קענען מיר זײַן דען צוזאַמען
אין זעלבער מסיבה?
די שׂינאה צו אונדז וועט ווי מײַז אײַך פֿאַרסמען —
א ו נ ד ז ע ר ע   וווּנדן וועט היילן די ליבע.

און ביז וואַנען דער דרויסן איז אײַער —
איז אונדזער די געטאָ, דאָ וועלן מיר ליגן
און קנעטן פֿון געטלעכן האַרץ אַ באַפֿרײַער
און שלײַפֿן אַ ניגון...

ב

שפּילט אַקטיאָרן ייִדישע באַלאַטעט און פֿאַרמויערט,
ווען דאָס לעבן קאָרטשעט זיך ווי אָנגעכאַפּטע האָר,
ווען אויף שטיינער זידן רויטע טראָפּנס פֿון די נאָנטסטע,
און די געסלעך וואַרפֿן זיך ווי עופֿות ניט־דערקוילעטע,
און קענען זיך ניט אויפֿהייבן, אַוועקפֿליִען, אַנטרינען...
שפּילט, חבֿרים! זאָל זיך דאַכטן: אַן אַמאָליק שטעטל
און מע פּראַוועט חתונה אויף האַרבסטיקן בית־עלמין
מיט געזאַנג און וואָלעכן און טאַנצנדיקע ליכט,
פֿריילעך אין אַ קאַראַהאָד אַרום דער חתן־כּלה!
שפּילט! און זאָל אַרויסקלינגען פֿון אײַער מויל דאָס ייִדיש,

ריין און לויטער ווי דער גײַסט פֿון אַ געשאָכטן קינד,
האַרב און הילכיק ווי דאָס קול פֿון אונדזער ביקס און פּולווער,
וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן
שפּילן פֿון די דעכער...

## *On the Anniversary of the Ghetto Theater*

*I*

. . . We walled ourselves in
And live apart.
From your freedom outside, do not smile at us,
Do not pity—
For us, even death can blossom into wonder.

How can we sit together
With you in one place?
Your hatred for us will poison you like mice,
*Our* wounds—love will heal.

As long as the outside is yours—
Ours is the ghetto, here we will lie
And from God's heart, we will knead a redeemer
And polish a melody . . .

*II*

Perform, Jewish actors, in tatters and in walls,
Where life shrivels like hair that caught fire,
When red drops of your loved ones are seething on stones,
And the alleys convulse like half-slaughtered hens
And cannot arise, fly away, flee. . .
Perform, friends! Let us think: it's a shtetl of yore,
They celebrate a wedding at an autumn graveyard
With Jewish singing and dancing light,
In a joyous circle around the bride and groom!
Perform! From your mouth, let Yiddish sound,
Pure and clean as the ghost of a slaughtered child,
Harsh and hoarse as the voice of our rifle and gunpowder,
Performing tomorrow
Over the rooftops. . .

און איר, פֿאַרגאַפּטע, אומעטיקע פֿידלערס,
וואָס בײַ נאַכט
פֿלעגט איר זיך אַרויסגנבֿענען אין לויערדיקן דרויסן,
שאַרן זיך פֿאַרבײַ די ווענט,
אַרומגיין די פּאַטרולן,
צוקריכן צו אײַער אַלטער חרובֿדיקער היים,
און אויסגראָבן פֿון דר׳ערד אײַערע פֿידלען
אײַנגעפֿלאַנצטע ערבֿ אײַער אָפּמאַרש דאָ אַהער —
שפּילט איר אויך!
און קנײַפּט אַרויס די סאַמע טיפֿסטע טענער!
זאָלן זיי זיך טראָגן איבער אײַערע געביינער
און פֿאַרוואָגלען ווײַט, אַוווּ עס פֿינקלט נאָך אַ ייִד...
ווו אַ האַרץ נאָך צאַפּלט אין דערוואַרטונג אויף אַ בשורה.
זאָלן זיי זיך טראָגן איבער פֿעלדער, איבער פֿראָנטן,
ריין און לויטער ווי דער גײַסט פֿון אַ געשאָכטן קינד,
האַרב און הילכיק ווי דאָס קול פֿון אונדזער ביקס און פּולווער,
וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן
שפּילן פֿון די דעכער...

ווילנער געטאָ, 31סטן דעצעמבער 1942

And you, melancholy fiddlers,
Who stole out at night
Into the lurking outside,
Shuffling past houses,
Evading patrols,
Creeping to your ruined old home
And digging up your fiddles
Planted before your march into the ghetto —
You play too!
Pluck out the deepest tones!
Let them carry above your bones
And stray far, where a Jew still shimmers. . .
Where a heart still trembles, waiting for good tidings.
Let them carry over fields, over front lines,
Pure and clean as the ghost of a slaughtered child,
Harsh and hoarse as the voice of our rifle and gunpowder,
Performing tomorrow
Over the rooftops. . .

*Vilna Ghetto, December 31, 1942*

## קערנדלעך ווייץ

היילן, דערלאַנגט זיך אַן עפֿן,
צעשפּאַלט זיך פֿון אונטער מײַן האַק!
איידער די קויל וועט מיך טרעפֿן —
איך ברענג אײַך מתנות אַ זאַק.

אַלטינקע, תּכלתנע דפֿן
מיט פּורפּור אויף זילבערנע האָר,
ווערטער אויף פּאַרמעט, געשאַפֿן
דורך טויזנטער גרויזיקע יאָר.

ווי בײַם באַשיצן אַן עופֿל —
איך לויף מיטן ייִדישן וואָרט,
נישטער אין איטלעכן הייפֿל.
דער גײַסט זאָל ניט ווערן דערמאָרדט.

שטרעק אינעם שײַטער די אָרעמס
און פֿריי זיך: דער עיקר איז דאָ!
מײַנס איז נאָך אַמסטערדאַם, וואָרעמס,
ליוואָרנע, מאַדריד און ייִוואָ.

אָ, ווי מיך פּײַניקט אַ שיימע
פֿאַרטראָגן אין רויכיקן ווינט!
ס׳וואַרגן מיך לידער געהיימע:
— באַהאַלט אונדז אין דײַן לאַבירינט!

גראָב איך און פֿלאַנץ מאַנוסקריפּטן,
און גיט מיר דער ייִאוש אַ פֿלייץ,
קומט מיר אין זינען: עגיפּטן,
אַ מעשׂה מיט קערנדלעך ווייץ.

דעמאָלט די שטערן דערצייל איך:
אַ מאָל האָט בײַם נילוס געבויט
זײַן פּיראַמידע אַ מלך,
צו קיניגן דאָרט נאָכן טויט.

זאָל מען אין גילדענעם אָרון
אָנשיטן, האָט ער באַפֿעלט,
קערנדלעך ווייץ — לזכּרון
פֿון אונדזער, דער ערדישער וועלט.

נײַן טויזנט יאָר האָבן זונען
געביטן אין מידבר דעם גאַנג,
ביז מ׳האָט די קערנער געפֿונען
אין דער פּיראַמידע ניט לאַנג.

## *Grains of Wheat*

Caves, gape open,
Split open under my ax!
Before the bullet hits me —
I bring you gifts in sacks.

Old, blue pages,
Purple traces on silver hair,
Words on parchment, created
Through thousands of years in despair.

As if protecting a baby
I run, bearing Jewish words,
I grope in every courtyard:
The spirit won't be murdered by the hordes.

I reach my arm into the bonfire
And am happy: I got it, bravo!
Mine are Amsterdam, Worms,
Livorno, Madrid, and YIVO.[22]

How tormented am I by a page
Carried off by the smoke and winds!
Hidden poems come and choke me:
— Hide us in your labyrinth!

And I dig and plant manuscripts,
And if by despair I am beat,
My mind recalls: Egypt,
A tale about grains of wheat.

And I tell the tale to the stars:
Once, a king at the Nile
Built a pyramid — to rule
After his death, in style.

Let them pour into my golden coffin,
Thus an order he hurled,
Grains of wheat — a memory
For this, the earthly world.

For nine thousand years have suns
Changed in the desert their gait,
Until the grains in the pyramid
Were found after endless wait.

ניין טויזנט יאר שוין פארגאנגען!
נאר ווען מ'האט די קערנער פארזייט, —
האבן אין זוניקע זאנגען
צעבליט זיך א בייט נאך א בייט.

— — —

אפשר אויך וועלן די ווערטער
דערוואַרטן זיך ווען אויף דעם ליכט —
וועלן אין שעה אין באשערטער
צעבליִען זיך אויך אומגעריכט?

און ווי דער אוראלטער קערן
וואס האט זיך פארוואנדלט אין זאנג, —
וועלן די ווערטער אויך נערן,
וועלן די ווערטער געהערן
דעם פאלק, אין זיין אייביקן גאנג.

ווילנער געטא, מארץ 1943

Nine thousand years have passed!
But when the grains were sown —
They blossomed in sunny stalks
Row after row, full grown.

— — — — — — — — — — —

Perhaps these words will endure,
And live to see the light loom —
And in the destined hour
Will unexpectedly bloom?

And like the primeval grain
That turned into a stalk —
The words will nourish,
The words will belong
To the people, in its eternal walk.

*Vilna Ghetto, March 1943*

## אין לעצטן גורל

אין לעצטן גורל גיב מיר פרייד און ווילן,
צו דערזען א פאלאץ אין א חרובן געביי;
איך זאל צו יעדער צייט מיין צייט דערפילן
און אנקלאפן מיין גייסט ווי דורך א טורמעוואנט: ביסט פריי.

אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן,
אז מארגן וועלן זיבן זונען אויפגיין אין א טרער,
אז ערגעץ נעמען שפראצן שוין אין אויסגעלייזטע שטויבן
גבורים־קערנער, מאכטיקע מיט ווילן און באגער.

אין לעצטן גורל טרייב אין מיר א שטורעם,
ארויסצורייסן יעדער פלעק און וואקלדיקן קלאנג.
און שמעלץ ווי גאלד מיך איבער אין דיין פורעם,
די פסולת זאל זיך אפטיילן און בלייבן זאל געזאנג.

און גיב מיר ליבשאפט צו מיין מידער שינאה,
צום זשאווערדיקן טרויער — קלארן מוט.
אין לעצטן גורל ברענג מיך אין דער בחינה
צו פילן, אז דאס ערגסטע לעבן, אויב עס בענקט — איז גוט.

ווילנער געטא, 2טן מארץ 1943

## Last Hour

Last hour, when you come, bring strength enough
For me to see a palace in ruined masonry,
To drive my final moments to their given end,
To tap a message to my prisoner soul: Be free!

Last hour, bring with you such nourishing belief
That in a single tear seven suns will be afire,
And in the resurrected dust, the seeds of heroes
Will germinate their will and terrible desire.

Last hour, stir up storms in me,
Bleach out my wrongs, untangle my cacophony.
Form me like molten gold into your mold,
Sear my chaff away, leave me in melody.

Transform to love my weary self-disgust.
Let my corrosive sorrow have been withstood.
Exalt me to believe that the most wretched life,
If only in its longings, is still good.

Vilna ghetto, January 26, 1943°

*Dated "March 2, 1943" in all published versions.*

## א ווי אזוי?

ווי אזוי און מיט וואס וועסטו פילן
דיין בעכער אין טאג פון באפרייונג?
ביסטו גרייט אין דיין פרייד צו דערפילן
דיין פארגאנגענקייטס פינצטערע שרייונג
ווו עס גליווערן שארבנס פון טעג
אין א תהום אן א גרונט, אן א דעק?

דו וועסט זוכן א שליסל צו פאסן
פאר דיינע פארהאקטע שלעסער.
ווי ברויט וועסטו בייסן די גאסן
און טראכטן: דער פריער איז בעסער.
און די צייט וועט דיך עגבערן שטיל
ווי אין פויסט א געפאנגענע גריל.

און ס'וועט זיין דיין זכרון געגליכן
צו אן אלטער פארשאטענער שטאט.
און דיין דרויסיקער בליק וועט דארט קריכן
ווי א קראט, ווי א קראט — —

ווילנער געטא, 14טן פעברואר 1943

## How?

How and with what will you fill
Your cup on the day you're free?
Will you in your joy still
Hear the scream of the past
Where the skulls of chained days
Clot in bottomless pits?

Searching hopelessly
For the keys to jammed locks,
You'll chew pavement like bread
And think it was better before.

And time will gnaw your hand gently
Like a cricket under the floor.

In a rubble-encrusted old city
Your memory will be like a hole,
And your glance will burrow furtively
Like a mole, like a mole.

Vilna ghetto, February 14, 1943

C.K. Williams

*Declaimed at a memorial gathering for Liza Magun, the U.P.O.'s main liaison and courier, who was caught by the Gestapo and killed in Ponar on February 17, 1943.*

## ליד צו די לעצטע

ניט מילבן זייט איר, — יענע האבן מוט
צו ברענגען זיך דעם פייער פאר קרבנות.
און ניט קיין זאנגען אונטער דרעש פון רוט,
און ניט קיין גראז צעטראטן אן רחמנות.
נאר ווילט איר זיך דערוויסן ווער איר זייט —
צום פאלשן שפיגל זאלט איר זיך ניט קערן,
נאר קנייפט ארויס א רויע שטיקל צייט
און ברענגט צום נאזלאך — וועט איר אייער אומקום-ריח הערן.

א, ברידער מיינע, הייבט ארויף דעם קאפ,
דעם זינקעדיקן ווי די זון, דעם קראנקן.
איך וויל אייך זען אין אייער זונק אראפ,
פארנעמען מיינע אייגענע געדאנקען;
פארבלייבט א רגע נאקעט, אנעם איצט.
נאר לייענט זיך אליין, ווי א פארברעכער
די אותיות אין זיין טויטנצעל פארקריצט,
און טראכט צי אייער וויי קען גרייכן אייביקער און העכער!

אט נעכטן, דאכט זיך, האט איר נאך געשפינט
א זיכערקייט און ניט געדענקט דעם שפעטער.
געגרונטפעסטיקט א היים אויף שטראם און ווינט
און אויפגעשטעלט אויף זומפן-הייטלעך געטער.
און יעדער איינער האט פארלייגט א שטעג
בכדי דעם צווייטנס קונציק צו פארצאמען;
און ניט געפילט: עס רינען אוים די טעג
און גרייטן צו א דערנערשן געטראנק פון לויטער סמען.

א חיה, אז מע לויערט אויף איר גאנג —
זי לאזט באדיי איר פעל און פרווט אנטרינען.
בלויז איר האט ניט געפילט שוין קיין געפאנג,
איר האט געמיינט: די פייל וועט ניט געפינען.
מיליאנענווייז געווען זייט איר קיינם
און יעדער האט געמיינט: ער איז מיליאניק.
און ווו א ווארט אן אייגנס און א ריינס —
האט איר פארשפייט, און פרעמדע מיסט ארומגעלעקט ווי האניק

## Song For the Last

You aren't moths, moths have power
enough to throw themselves into flame.
And not threshed grain
nor grass trampled underfoot.
Don't look in the mirror
if you want to know who you are:
tear a chunk of raw time off
and sniff it: it is your death-odor.

Brothers, lift your heads, your sick
heads sinking
like the sun: I want to see you as you sink
hearing at least what I'm thinking.
Stay naked for now, stripped of the present.
Read yourself, as condemned men
read scratches in the walls of their cell.
Do you think your pain will surmount its moment?

Yesterday you knew what you meant,
and hardly bothered to think what came next.
You built foundations on a breeze and a river
and on the gods of quicksand.
And envy, of course, and competition,
trumping your friend's hand.
And didn't know that thorns were your element,
and venom, and that your days would be perdition.

An animal in danger
will tear its own flesh to get free:
you never felt the trap close,
you thought the arrow could no longer see.
Millions at a time you were no one's
but believed in your individuality.
The clear words of your language were illicit;
you licked the honies of alien spit.

און איצטער, ווען די שרעק פון טויזנט יאר
האט אייך בארינגלט מיט די שווארצע פלויטן,
פארשאלטן אייך צו זיין דער לעצטער דור,
אין פאלקס-מנורה — יארצייטיקע קנויטן;
ווען יעדער איז אליין א דארף, א שטאט,
געקלעפט פון ווייב און קינדס פארגליווערט פנים —
צי האט דעם חורבנס צארנדיקער זאט
דערגרייכט כאטש אייער פוסטריט און געלאזן דארט סימנים?

צי האט איר זיך צעעפנט ווי ביי נאכט
א וואלד, באפאלן פון א הארדע בליצן?
געפילט כאטש ווי דער באדן ברומט און קראכט
און קיינער איז ניטא אייך צו באשיצן?
איר האט זיך ניט געביטן אויף א האר,
אנטלאפן איז פון אייך געפיל און שפירונג.
א דארן זייט איר איצטער, ניט קיין דור, —
פארברענטע שערבלעך אייער קוואל און שפינוועבס אייער צירונג.

און שלעכט זייט איר צו זיך... צום שונא — גוט.
איר העלפט אים נאך אייך גופא צו דערשטיקן;
איר קושט פון זיין געוויסן אוים דאס בלוט
אוןווארט פון אים זיך איינגערעדטע גליקן.
און וואלט איר גלייביק זיין — וואלט איר מסתם
פאר אייער גוטן שונא טאן א תפילה.
ווייל אייך אליין איז מיאוס אייער שטאם,
זיין שיינקייט האט איר איינגעפלעקט און מערקט עס ניט אפילו.

עס שרעקט מיך אייער פרייַשאפט נאך אנאנד,
נאך מער ווי מיינע לעצטע דריי סעקונדן.
צי וועט אייך דען ארייַנלאזן איר לאנד
וווּ שטערן האבן יום-טוב-ליכט געצונדן?
איך האק מיין שארבן אן א שטיין און זוך
אין שפליטער זייַנעם טרייסט פאר אייך, די לעצטע.
ווייל איך בין אויך אן אות אין אייער בוך,
און מיין זון איז ווי אייערע אין פרילינג א פארקרעצטע.

א, ברידער מיינע, העלפט מיר זוכן טרייסט,
מיין קאפ איז שוין צעהאקט — און וואס געפונען?
זאל איטלעכער דערהארכן ווי זי הייסט
און פון א וועלכן שטאף זי איז געשפונען.
זי מוז דאך זיין! אויב ניט איז אן א האפט
דעם מארגנס גאלדיק-אויסגעוועבטע פאנען.
נאר ס'פאסט פאר אייער שוואכקייט ניט איר קראפט,
מיך עקלט דער געדולד פון אייך, איר לעצטע פון מיליאנען!

ווילנער געטא
16טן מארץ
1943

And when a thousand years of enmity
has walled the light out completely,
and cursed you, last generation,
wicks in your nation's memorial candles;
when each of you is a separate city
cemented together out of kith's congealed faces,
has destruction's furious violation
dared your footsteps to leave traces?

Have you broken apart, like a forest
when the night's hordes of lightning attack?
And felt the earth tremble and crack
and knew no one was there to protect you?
You haven't changed at all,
your sense and feeling have left you.
You're your nation's nettle, not its fruit,
your treasure is trash, your well webbed with disuse.

You loathe your filthy selves and envying
your enemy guide his hands to your throat.
You kiss his bloody conscience clean
while you attend his gentle permissions.
If you could believe, still, and pray,
it would be him who'd have your ablutions.
You find your origins disgusting and don't see
that it's you yourselves who've filthied the clay.

I fear the freedom you'll find finally
more than the three seconds I propose for myself.
Will you be admitted to that hallowed land
where stars ignite lamps on the shelf?
I beat my skull on stones to find consolation
for you in the fragments, you, the last,
for I, too, am a letter in your book,
my sun, too, is spring's leprous outcast.

Brothers, help me find what can console:
My head is broken, like blank slate.
Listen closely, remember its name,
help find how it might propagate.
It has to exist! How else lift the flags

of all our tomorrow's golden suns?
No, you're weak, your soul sags,
you, the disgustingly patient, last of millions.

Vilna ghetto, March 16, 1943

C. K. Williams

## אונטער דײַנע װײַסע שטערן

אונטער דײַנע װײַסע שטערן
שטרעק צו מיר דײַן װײַסע האַנט.
מײַנע װערטער זענען טרערן
װילן רוען אין דײַן האַנט.

זע, עס טונקלט זייער פֿינקל
אין מײַן קעלערדיקן בליק.
און איך האָב גאָרניט קיין װינקל
זיי צו שענקען דיר צוריק.

און איך װיל דאָך, גאָט געטרײַער,
דיר פֿאַרטרויען מײַן פֿאַרמעג.
װײַל עס מאָנט אין מיר אַ פֿײַער
און אין פֿײַער — מײַנע טעג.

נאָר אין קעלערן און לעכער
װיינט די מערדערישע רו.
לויף איך העכער, איבער דעכער
און איך זוך: װוּ ביסטו, װוּ?

נעמען יאָגן מיך משונה
טרעפּ און הויפֿן מיט געװאָי.
הענג איך — אַ געפּלאַצטע סטרונע
און איך זינג צו דיר אַזוי:

אונטער דײַנע װײַסע שטערן
שטרעק צו מיר דײַן װײַסע האַנט.
מײַנע װערטער זענען טרערן
װילן רוען אין דײַן האַנט.

װילנער געטאָ, 1943 22 [illegible]

## Beneath the Whiteness of Your Stars

Beneath the whiteness of your stars,
Stretch out toward me your white hand;
All my words are turned to tears—
They long to rest within your hand.

See, their brilliant light goes darker
In my eyes, grown cellar-dim;
And I lack a quiet corner
From which to send them back again.

Yet, O Lord, all my desire—
To leave you with my wealth of tears.
In me, there burns an urgent fire,
And in the fire, there burn my days.

Rest, in every hole and cellar
Weeps, as might a murderer.
I run the rooftops, even higher,
And I search—where are you? Where?

Past stairs and courtyards I go running,
Chased by howling enemies.
I hang, at last, a broken bowstring,
And I sing to you—like this:

Beneath the whiteness of your stars,
Stretch out toward me your white hand;
All my words are turned to tears—
They long to rest within your hand.

Vilna ghetto, May 22, 1943°

Leonard Wolf

## די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף לײַבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מע טרײַבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
די הײַזער באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק װערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילין װי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפֿסײַד אין איינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צװייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ װעגל.

און צװישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, בײַם הענטל — אַ צװייטן,
אַרום די תּלמידים באַגלייטן, באַגלייטן.

און קומט מען צו ייִדישער גאַס, איז אַ טויער,
נאָך װאַרעם דאָס האָלץ װי אַ קערפּער אַ רויער.
און גלײַך װי אַ שליוז פֿאַר געטריבענע שטראָמען,
ער טוט זיך אַן עפֿן, פֿאַרשלינגט אין די תּהומען.

מע יאָגט איבער חורבֿות אָן ברויט און אָן פֿײַער,
דאָס ברויט איז אַ בוך און דאָס ליכט איז אַ בלײַער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין חרובֿער דירה,
עס לערנט זיי װײַטער די לערערין מירע.

## *Teacher Mira*[23]

With patches on our bodies, striped and parching,
They chase us in the ghetto, streets are marching,
Our buildings say farewell eternally,
Stone faces walk with us at each decree.

Old people wearing tfillin like black crowns,
A calf walks with a village Jew in tow,
A woman drags a person by the nails,
Another pulls a bunch of wood on rails.

Among them walks a woman, Teacher Mira.
A child is in her arms — a golden lyre.
She clasps another child by his frail hand,
The students walk around her — trusting band.

And as they get to Jew Street, there's a gate,
The wood still warm and raw, they huddle, wait.
And like a sluice for torrents of a flood,
It opens up and swallows in its blood.

They chase us over ruins, no bread, no light,
Bread is a book, a pencil shines so bright.
She gathers all her children on the floor,
Teacher Mira goes on teaching as before.

זי לייענט זיי שלום־עליכמס אַ מעשה,
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בעת־מעשה.
זי פֿלעכט זיי [illegible] בלאָ[illegible] די צעפּלעך
און ציילט איר פֿאַרמעג: הונדערט דרײַסיק די קעפּלעך.

צו גלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַך און זי וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אָ, ניט ציילן זיי בעסער! —
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פֿאַרשניטן אַ מעסער.

איר הויט ווערט אַ שויב אין פֿאַרנאַכטיקע פֿלעקן,
נאָר ס'טאָר זיי ניט מירע די קינדער אַנטפּלעקן.
פֿאַרבײַסט זי אַ ליפּ און מיט גבֿורה באַנײַטער
דערציילט זי פֿון [illegible]

דורך נאַכט האָט אַ גראָקייט באַצויגן די הײַזן,
און גראָ ווערט דער לערערינס האָר אויף די שלײַפֿן:
זי זוכט אינעם קעלער איר מאַמען דער בלינדער —
צוזאַמען מיט איר פֿעלן זיבעצן קינדער.

ווען זון האָט די בלוטן געטריקנט, האָט מירע
באַהאַנגען מיט גרינס די פֿאַריתומטע דירה:
— געקומען דער לערער גערשטיין, מע וועט זינגען
דער כאָר זאָל אַריבער די טויערן קלינגען.

שוין קלינגט עס: "ניט ווײַט איז דער פֿרילינג". נאָר אונטן
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן,
מע שלעפּט פֿאַר די האָר פֿון די קעלערס און לעכער.
"ניט ווײַט איז דער פֿרילינג" פֿאַרקלינגט אָבער העכער.

שוין זעכציק פֿאַרבליבן אָן שוועסטער, אָן מאַמען,
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס'איז נאָענט אַ יום־טובֿ, איז, טײַבעלעך, קינדער,
אַ פֿאָרשטעלונג דאַרף מען באַווײַזן געשווינדער!

צום יום־טובֿ — ניטאָ מער ווי פֿערציק. נאָר איטלעך —
מיט ווײַסינקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
די בינע איז פֿריש מיט אַ זון, מיט אַ גאָרטן,
מע קען אַזש אין טײַכל זיך אויסבאָדן דאָרטן.

בײַם לייענען פּרצעס דריטע מתּנה
האָט אונטערגעזעגט דאָס געבײַ די סכּנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פֿאַר טאָג איז געבליבן
פֿון הונדערט מיט דרײַסיק, בלויז מירע און זיבן.

אַזוי, ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען,
איז מירע אַ בלום און די קינדערלעך — בינען.
שוין גראָ איז די בלום און פֿאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן אין טוי וועט זי אויפֿבליִען ווידער.

ווילנער געטאָ, 10טן מיי 1943

She reads Sholem Aleichem's[24] tale aloud,
A sparkle in their eyes, they laugh so proud.
She ties blue ribbons in the girls' braids
And counts her treasures: hundred thirty heads.

And Teacher Mira, like the sun, at dawn
Awakes, waits for her children to go on.
They come. She counts. Oh, better not to count!
For overnight, some twenty were cut down.

Her skin, a windowpane in stains of dusk,
Mira must not reveal the darkness thus.
She bites her lip, of courage she will tell:
About Hirsh Lekert,[25] how he fought and fell.

And overnight, gray covered all the town,
And Teacher Mira's hair, her silver crown.
She seeks in cellars for her mother blind,
And seventeen more children she can't find.

When sun dried up the blood, with branches green
She trimmed the orphaned room, so neat and clean:
— Gershteyn[26] the teacher came and we shall sing,
Over the walls, our children's choir will ring.

They sing: "Not far is spring." But in the street,
Axes and bayonets smash, crush, and beat.
They drag from cellars, hidings, but the choir
Sings on "Not far is spring," sings higher, higher.

They are but sixty, with no sister, mother,
Now Teacher Mira is one and the other.
A holiday approaches, little doves,
We shall prepare a play, a play she loves.

The fête — and only forty children left.
But each in a white shirt, each child bereft.
The stage is fresh, a garden in the sun,
A river you can swim in, you can run.

When Peretz's[27] third gift took all the bows,
The peril has cut down the rickety house.
People were caught by snatchers![28] Save us, Heaven!
Of a hundred thirty, Mira remains with seven.

Till axes split her mind, she on her knees,
A flower, and her children — buzzing bees.
Gray is the flower, and the time is awesome.
Tomorrow in the dew, again she'll blossom.

*Vilna Ghetto, May 10, 1943*

# די פֿעסטונג

א

די פֿעסטונג איז אַלט,
אַזוי טרויעריק אַלט,
אירע שטויבן — צעפֿאַלענע שטערן.
ס'האָבן זיידעס געקלעפּט איר געהיימע געשטאַלט
פֿון ליימען געווייקטע אין טרערן.

אַ האַלבן יאָרטויזנט געבויט און געבויט, —
אָ, ווײַטע געדולדיקע
זיידעס!

עס וואַכן פֿאַרקנאָטענע ביינער
אין ווענט,
ווי פֿונעם גורל די עדות.

און הער זייער קול:

ניט פֿאַרזאַם,
ניט פֿאַרזאַם,
רייניק
דעם שטאָל
פֿאַראייניק
דעם שטאַם.

אַ וואַנט קעגן שרעק, און אַ וואַנט קעגן טרויער,
און ס'אייגענע לײַב אין דער פֿעסטונג פֿאַרמויער!

ב

בײַ נאַכט איז די פֿעסטונג פֿאַרלאָשן,
בלויז די שינאה גליט.
די גאַס האָט פֿאַרלוירן איר לשון —
די הייסע גאַלאָפּיקע טריט.

נאָר טיף אונטער אײַזן און ליים
נעמען די שיכטן צעפֿאַלן:
מע בויערט, מע בויט אין געהיים,
עס ציִען זיך ליכט דורך קאַנאַלן.

דאָ גראָבט מען אַ פֿעסטונג אַ צווייטע,
אין שטיינערנעם צאָרן — אַ שאַכט.
און קנויטן פֿיבערן גרייטע
אַ צונד זיך צו געבן אין שלאַכט.

ווילנער געטאָ, 14טן יולי 1943

# *The Fortress*

*I*

The fortress is old,
So gloomily old,
Its dust — crumbled stars.
The grandfathers molded its hidden mold
Of clay soaked in tears.

Half a milennium, they built and built —
Oh, distant grandfathers,
Patient and great!

Bones kneaded into the walls
Stand guard —
Witnesses of fate.

Hear their voice:

Recover
Your trace,
Ignite
The steel,
Unite
The race.

A wall against fear and a wall to endure,
In the fortress, your own body immure!

*II*

At night the fortress is dark,
Only the glow of hate.
The street lost its tongue —
Galloping steps of fate.

But deep under iron and clay
Layers are moved in the night:
In secret, they drill and they build,
Through channels, traces of light.

A second fortress they dig,
In stormy rage — a mine.
And wicks feverish, ready
To ignite for the battle a sign.

*Vilna Ghetto, July 14, 1943*

★ [ג]

קלינג אין די גלעקער פֿון טויבן געוויסן
דו וועכטער גערעכטער פֿון טורעם.
זאָל יעדער איצט ווערן אַ פֿעסטונג און שליסן
אַ בונד קעגן אײַזערנעם שטורעם.

ווי קוילן צעבלאָז די פֿאַרשטיקטע געמיטער
אַפֿילו ווען ס'גליט ניט קיין האָפֿן.
סע זאָל אין די פֿינגער ניט געבן קיין ציטער
דער הייליקער ייִדישער וואָפֿן.

ווילנער געטאָ, פֿערצנטן יולי 1943

★ [ג]

צַלְצֵל בְּפַעֲמוֹנֵי הַמִּצְפּוֹן הַחֵרֵשׁ,
אַתָּה הַשּׁוֹמֵר הַצּוֹדֵק אֲשֶׁר בַּחוֹמָה.
יְהִי עַתָּה מִבְצָר כָּל אֶחָד וְיַקְדֵּשׁ
בְּרִית נֶגֶד סוּפַת הַבַּרְזֶל הַהוֹמָה.

לַהֵט כְּמוֹ גֶּחָלִים רוּחוֹת אָדָם מְחֻנָּקִים,
אַף אִם אֵין נֹגַהּ הַמּוֹסִיף בְּאוֹרוֹ לְלַחֵשׁ.
כָּל יְרַטֵּט בֵּין פִּרְקֵי אֶצְבָּעוֹת הַדַּקִּים
הַנֶּשֶׁק הַיְּהוּדִי הַקָּדוֹשׁ.

גיטו וילנה, ארבעה־עשר ביולי 1943

הלילה הראשון בגיטו

★

הַנָּבִיא דּוֹלֵק עַל הַמִּזְבֵּחַ,
מְסַבִּיב לוֹ חָג הָעוֹרֵב.
מָשׁוּחַ בְּזִיקָיו אֲנִי פּוֹסֵעַ,
אֶל הָרְאִי שֶׁל שְׁעָתִי קָרֵב.

הָעוֹרֵב מַשְׁלִיךְ סְבִיב הַלַּהֶבֶת
חֶבֶל עָשָׁן שָׁחוֹר כְּמוֹ עָבִים.
וְסַב וּמִצְטוֹפֵף וּמִתְקָרֵב הוּא
סְבִיב מַבָּט אַחֲרוֹן שֶׁל הַנָּבִיא.

הָעוֹרֵב עַצְמוֹ דּוֹלֵק כָּעֵת הוּא,
הוּא נָע בְּאֹשֶׁר וּבוֹעֵר,
כְּעַל עָנָף, אַחַר נוֹחֵת הוּא,
עֵין הַנָּבִיא הוּא מְנַקֵּר.

עַתָּה נוֹשֵׂא בְּמַקּוֹרֵהוּ
אֵלַי, אֵלַי אֶת הַמַּרְאֶה
וְאֶת הָאוֹר, חֶצְיוֹ כָּבֶה הוּא,
לֹא כַּצָּפוּי אֲנִי רוֹאֶה.

זֶה לֹא מַה שֶּׁפַּיְטָן חָלַם,
כָּמוֹהוּ כַּנָּבִיא כֵּן מְנַחֵם אֲנִי,
בְּעַד שִׁבְעָה אוֹרוֹת אֲנִי רוֹאֶה אֶת הָעוֹלָם,
מִשְׁתַּקֵּף בְּדִמְעָתוֹ שֶׁל הַנָּבִיא.

גיטו וילנה, 1943

הלילה הראשון בגיטו

★

דער נבֿיא ברענט אויף אַ מזבח,
אַרום דעם נבֿיא קרײַזט אַ קראָ.
געזאַלבט מיט זײַנע פֿונקען גיי איך
אַנטקעגן שפּיגל פֿון מײַן שעה:

די קראָ פֿאַרוואַרפֿט אַרום די פֿלאַמען
אַ שוואַרצע רויכערדיקע שטריק
און דרייט אַלץ נענטער זיך צוזאַמען
אַרום דעם נבֿיאס לעצטן בליק.

די קראָ אַליין שוין ברענט ווי צונטער,
זי וויגט אין פֿלאַם זיך פֿול מיט גליק,
ווי אויף אַ צווײַג, און פֿליט אַרונטער
און פּיקט אַרויס דעם נבֿיאס בליק.

און ס׳טראָגט אין שנאָבל איצט די קראָ שוין
די זעונג זײַנע און זײַן ליכט
צו מיר, צו מיר. ביז האַלב פֿאַרלאָשן
איך זע די זעונג אומגעריכט.

ס׳איז ניט קיין חלום פֿון אַ דיכטער,
דער נבֿיא טרייסט, איך טרייסט ווי ער
און זע די וועלט דורך זיבן ליכטער
געשפּיגלט אין דעם נבֿיאס טרער.

ווילנער געטאָ, 1943

## פֿאַרברענטע פּערל

ניט דערפֿאַר ווײַל מײַנע ווערטער. וואַרפֿן זיך
גלײַך ווי הענט צעבראָכענע נאָך רעטונג,
ניט דערפֿאַר, ווײַל ציינערדיק זיי שאַרפֿן זיך
צו אַ לײַב אין פֿינצטערניש, — נאָך זעטונג, —
בלאָזסטו אויף די קוילן פֿון מײַן גרימצאָרן,
דו געשריבן וואָרט, — מײַן וועלטס פֿאַרבײַטער;
נאָר דערפֿאַר, ווײַל דײַנע קלאַנגען גלימצערן
ווי פֿאַרברענטע פּערל
נאָך אַן אויסגעצאַנקטן שײַטער,
און קיינער — אויך ניט איך — דורך טעג צעריבענער,
דערקענט שוין ניט די פֿרוי אין פֿלאַם געוואָשן,
וואָס פֿון אַלע פֿריידן איז געבליבן איר
גראָ־פֿאַרברענטע פּערל אין די אַשן — —

ווילנער געטאָ, 28סטן יולי 1943

## Charred Pearls

My words tremble so violently they moan,
Like broken hands they plead, entreat,
Helplessly hone
Their edges like fangs lusting for meat.

I'm moved no longer by your howls,
Oh written word, fanner of the world's fire:
Instead, charred pearls like emptied vowels
Gaze blankly at me from their pyre.

And not even I, dead already to my death,
Can recognize this woman in flame.
Of all her pleasures, body, being, breath,
Charred pearls are left, not even a name.

Vilna ghetto, July 28, 1943

C.K. Williams

## צו דרײַסיק יאָר

מײַן טאַטן האָט צו דרײַסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ
בײַם שפּילן
ר׳ לוי יצחקס ניגון אויף אַ פֿידעלע פֿאַר נאַכט.
די פֿידל האָט געצאַפּלט אויף זײַן אַקסל ווי אַ קינד,
און איר שפּראַך —
אַ ליכטיקער מאַגנעט —
האָט צוגעצויגן
די ווײַטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטער,
וווּ איך, אַ זיבניעריקער בעל־חלום,
האָב אַרום די פֿאָטערלעכע קני̇ען
זיך געוויקלט.

ס׳איז געווען אין ליכטיקן סיביר.
געווען.
געווען.
אַ זונפֿלעק
צי די הייסע צונג
בײַם פֿרירנדיקן וואָלף —
האָט געלעקט די שנייען אויפֿן שײַבל
און ניט געקענט אַדורכשמעלצן אין גאַנצן. —
ס׳האָט זײַן ליכט
באַלויכטן בלויז די אָפּגעהאַקטע קלאַנגען
פֿון דער פֿידל
און דורכגעשטרײַפֿט מײַן פֿײַכטן אויג מיט פֿונקען.
פּלוצעם האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ
דער בלייכער טאַטע,
געטאָן אַ צוק,
אַ וואַקל
מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם,

און אויף די הענטלעך מײַנע
האָט אַ פֿאַל געטאָן זײַן גוף
צוזאַמען מיט דער פֿידל,
ווי עס פֿאַלט אַ שווערע צווײַג
אַרונטער אויף אַ גרינגער כוואַליע
און די כוואַליע טראָגט זי.

אויבן האָט געשוועבט אַ ניגון.
אונטן אויפֿן דיל
האָט בײַם טאַטן אויסגעפּעלט שוין אָטעם.
און צי איך וויל זיך אײַנריידן
צי מײַנע רייד איז וואָר:
ליגנדיק שוין צוגעאייביקט צו אַ קאַלטן שווײַגן,
האָבן זײַנע ליפּן מיר פֿאַרטרויט:
— אַזוי מײַן קינד,
פּרוּוו אויס אויף דײַנע הענט די וואָג פֿון לעבן,
כּדי דו זאָלסט זיך צוגעוויינען
שפּעטער צו דערטראָגן.

אין יענער רגע
איז אין מיר געבוירן דער פּאָעט.
איך האָב דערפֿילט:
עס דרעמלט ערגעץ אין מײַן לײַב אַ קערן,
וואָס טראָגט אין זײַנע איינגעווייד ן
אַ באַשטימטע שליחות.
מיר האָט געדאַכט: איך ווער דער האַר
פֿון וועלדער,
מענטשן,
זאַכן,
און אַלץ נאָר וואָס איך זע
איז מײַן פֿאַרקערפּערטער פֿאַרלאַנג.

## *On My Thirtieth Birthday*

At thirty, my father's heart burst
While playing
Rebbe Levi Yitzhok's melody[29] on a violin at night.
The fiddle trembled on his shoulder like a child
And its tongue—
A shining magnet—
Attracted
The wide world to the shadowy hut
Where I, a seven-year-old dreamer,
Wound around
My father's knees.

It was in luminous Siberia.[30]
Was.
A sunstain
Or the hot tongue
Of a freezing wolf—
Licked the snow on the windowpane
And could not melt it all.—
Its light
Illuminated the staccato sounds
Of the violin
And striped my wet eye with sparks.
Suddenly, my pale father
Clutched his heart,
Twitched,
Shook
With outstretched arm,
And on my small hands
His body fell
Along with the violin,
Like a heavy branch
Falling on a light wave
And the wave bears it away.
Above us, hovered a melody.
Below, on the floor,
My father gasping, breathless.
And either I made it up
Or my words are true:
Lying thus,
Bound to a cold silence forever,
His lips entrusted me:
—That's how, my child,
Try out on your hands the weight of life,
So you get used to
Bearing it later.
That moment
The poet in me was born.
I sensed:

Somewhere in my body a seed lies waiting,
Carrying in its entrails
A special mission.
It seemed: I became the lord
Of forests,
Men,
Things,
And all I see
Is my embodied wish.

פון דעמאלט גייט מיר נאך
דעם טאטנס לויטערע צוואה:
— אזוי מיין קינד,
פרווו אויס אויף דיינע הענט די וואג פון לעבן,
כדי דו זאלסט זיך צוגעוויינען
שפעטער צו דערטראגן.

און איצט
בין איך אליין דערלאפן צו דעם טאטנס עלטער.
דערלאפן —
און ניטא קיין וועג צוריק
און ניט פארויס.
און ווען איך מערק מיין פנים
אין א שפיגל,
קוואלט פון זיינע כוואליעס מיר ארויס
דער ווייטער טאטע.
און אפשר בין איך ע ר, און מיינע יארן
זענען בלויז א קייטלונג
פון זיין אפגעשיידטן לעבן?
דאס זעלבע פנים ווי ביי אים,
דערמאנט אן שניי אויף שויבן;
דאס זעלבע הארץ,
וואס גרייט זיך אויף צום פלאצן,
און אויך א רויטינק פידעלע
פארמאג איך ווי דער טאטע:
זעט, איך רייס די אדערן
און שפיל אויף זיי מיין ניגון!

נאר קיינער איז ניטא
ארום די קניען זיך צו וויקלען
און אפוועגן מיין לעבן,

ציען ווייטער
ווי א ווינט
מיין בענקשאפט־וואלקן צו א קלארן ציל, —
אהין,
וווּ אלע ווערטער קומען רוען;
וווּ עס טרעפן זיך צוזאמען טעג,
ניט באגעגנט קיין מאל
איינס דעם צווייטן.

ווי א שטיין פארקלאמער איך אין פויסט
די דרייסיק יאר
און שלידער זיי אין תהום
פון קאלטן שפיגל.

ווילנער געטא, אויגוסט 1943

Since then it follows me,
Father's lucid will:
—That's how, my child,
Try out on your hands the weight of life,
So you get used to
Bearing it later.

Now
I have myself run up to my father's age.
Run up—
And no road back
And none ahead.
And when I see my face
In a mirror,
From its waves flows up
My distant father.
And maybe I am *he*, and my years
Are just a link
From his departed life?
The same face as his,
Evoking snow on windowpanes;
The same heart,
Prepared to burst,
And like my father,
I have a red violin:
See, I tear my veins
And play on them my melody!

But no one is there
To wind around my knees
And weigh my life,
To carry on
Like a wind
My yearning cloud
To a clear goal—
There
Where all words come to rest,
Where days meet
Which never met before.

Like a stone, I clutch in my fist
My thirty years
And hurl them in the abyss
Of a cold mirror.

***Vilna Ghetto, August 1943***



*S. Bak, illustration to Sutzkever's ghetto poems.*

# *Partisan Forest*

*(1943–1944)*

## מאַרש דורך זומפּן

זומפּן.
זומפּן.
זומפּן.

מיר טשלאַפּען דורך פֿלייציקן קופּער און טראָגן
וואַלד־פּאַרטיזאַנען אויף נאַקעטע אַקסלען.
אַהינטער —
אין רעדערנע רינגען דער שׂונא.
פֿאָרויס —
אַ באַהויכטער מיט שופּן לבֿנה —
פֿעכלט און ציט דער צעגאַנגענער באָדן.
די פֿיס אין געזונק ערגעץ טיף...
און זיי שפּילן
דעם הימען פֿון זומפּן
אויף זשאַבע־קלאַווישן.

תּהומיקער.
נאַכטיקער.
טיפֿער.

סע פֿינקלט
אין בלאָטע אַ שטערן —
דאָרטן דער אָפּרו?

קני:ען — פֿאַרפֿלאָכטן אין פֿאָספֿאָרנע נעצן.
בײַכער — געבונדן מיט גליווערעם־גורטן.
און האָגלדיק פּליעסקעט אויף נאַקעטע לײַבער
אַ פֿראָסטיק צעפֿײַערטער שווייס.
באַלד־באַלד —
וועלן די נאַקעטע לײַבער פֿאַרזינקען,
וועלן זיך הענט ניט באַדאַרפֿן מער שטרעקן
אַרויף צו,
פֿאַרקלאַמערט אַרום די גאַגאַנעס.

נאָר אַ פֿאַרלוירענער קרעכץ איבער אַקסלען
פֿאַרשטראָמט מיט באַוווּסטזײַן משוגענע חושים.
זיי פֿאַנגען די וואָר פֿון דער שלאַנגיקער שיכּרות
און רײַסן פֿונאַנדער אַ נעץ נאָך אַ נעץ — —

די זומפּן פֿאַרהאַרטעווען מיר מיטן ווילן
און צי:ען צום אינדזל וואָס וועט אונדז פֿאַרהילן.
דערשפּאַנען, דערשפּאַנען!
מיר טראָגן פֿאַרווונדיקטע וואַלד־פּאַרטיזאַנען.

זשאַשעריער וואַלד, 13טן אָקטאָבער 1943

## *March Through Swamps*

Swamps.
Swamps.
Swamps.

We splash
Through flooding copper.
We carry
Forest-partisans on naked shoulders.
Behind us —
In wheeling circles, the enemy.
Ahead —
Breathing in moon-scales —

Winks, draws us in, the melting soil.
The legs, sunk somewhere deep . . .
On frog-keys
They play
A hymn to the swamps.

Deeper.
Nightier.
Abyss.

Glimmer —
A star in the mud —
Is rest there?
Knees — ensnarled in phosphor-nets.
Bellies — bound with glowworm belts.
Hail
Pounding on naked bodies
Frosty flaming sweat.
Soon — soon —
The naked bodies will sink,
Arms — no longer strain to stretch
High up, clutching the guns.

Only a lost sigh over shoulders
Floods consciousness
Over our maddened senses.
They grasp how real is
The serpentine intoxication,
And tear apart net after net — —

We harden the swamps with our will.
We draw to the island, the hidden hill.
We shall get there. Bold, bolder!
We carry wounded partisans on our shoulders.

*Zazherye Forest, October 13, 1943*

## * און אויב מײַן פֿאָלק וועט בלײַבן בלויז אַ ציפֿער

און אויב מײַן פֿאָלק וועט בלײַבן בלויז אַ ציפֿער, —
באַשווער איך עס: פֿאַרגיי פֿון מײַן זכּרון.
און זאָלן אַלע קבֿרים זינקען טיפֿער
און זאָל קיין שטויב ניט בלײַבן פֿון די יאָרן.

און אויך מײַן ביקס טו איך אַצינד באַשווערן:
פֿאַרוואַנדל זיך אַ שלאַנג אין מײַנע הענט,
אויב נאָר דאָס מאָרגנקינד וועט ניט דערהערן
דעם שאָס, וווּהין איך האָב אים איצט געווענדט.

נאַראָטשער וועלדער, 30סטן יאַנואַר 1944

[BURNT PEARLS]

## IF ALL THAT REMAINS OF US IS MERELY A CIPHER

If all that remains of us is merely a cipher
then I can only berate you: vanish from memory.
May all the graves sink deeper
and no dust remain from the ashes of history.

How else do I address my rifle:
Transform yourself in my hand, become a viper,
if tomorrow's child will not hear
this shot I have just aimed.

Narocz Forests
January 30, 1944

Seymour Mayne

## * זינג ניט קיין טרויעריקס

זינג ניט קיין טרויעריקס,
טו ניט פֿאַרשעמען
דעם טרויער.
ווערטער פֿאַרראַטן.
עס שטעלן זיך נעמען
קאַפּויער.

קוק אויפֿן שניי
און באַלײַכט מיט זײַן רו
דײַן זכּרון:
ליכט איז די שפּראַך פֿון דײַן האַרצן.
און דו —
נײַ־געבאָרן.

שטרעק דײַנע פֿינגער צום שניי,
צו די קאַלטע
געוועבן.
אויסלייזן וועסטו אין זיי
דאָס באַהאַלטענע
לעבן.

נאַראָטשער וועלדער, 5טן פֿעברואַר 1944

[LOD]

## No Sad Songs Please

No sad songs please:
Sad songs just tease
At sorrow.
Words, too, betray,
And names,
Forever,
And tomorrow.

Look out at the snow:
In memory's art
Is unexpected
Radiance, and in

The speeches of the heart,
You yourself are
Resurrected.

Stretch your hands out
To that whiteness:
In its cold and burning
Veins
You'll feel returning
The redeeming life
It contains.

Narocz forests,°

*The Sutzkevers, along with a group of U.P.O. fighters, left the ghetto on September 14, 1943. The Narocz forests, located 90 miles east of Vilna, were a staging ground for partisan activity under the command of F. Markov.*

## די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ

מיר האָבן ווי פֿינגער געשטרעקטע דורך גראַטן
צו פֿאַנגען די ליכטיקע לופֿט פֿון דער פֿרײַ —
דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,
די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ.
מיר, טרוימער, באַדאַרפֿן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גײַסט פֿונעם בלײַ.

און מיר האָבן ווידער געעפֿנט דעם שטעמפּל
צו עפּעס אַ היימישער אייביקער הייל.
מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, בײַ שײַן פֿון אַ לעמפּל —
געגאָסן די אותיות — אַ צייל נאָך אַ צייל,
אַזוי ווי די זיידעס אַ מאָל אינעם טעמפּל
אין גילדענע יום־טובֿ־מנורות — דעם אייל.

דאָס בלײַ האָט געלויכטן בײַם אויסגיסן קוילן,
מחשבֿות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.
אַ שורה פֿון בבֿל, אַ שורה פֿון פּוילן,
געזאָטן, געפֿלייצט אין דער זעלביקער מאָס.
די ייִדישע גבֿורה, אין ווערטער פֿאַרהוילן,
מוז אויפֿרײַסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס!

*The Rom Press since the end of the eighteenth century was a prestigious traditional press and publishing house in Vilna, later run by the Widow Rom and Sons. It was renowned for its editions of the Talmud as well as for promoting works of modern Yiddish and Hebrew literature. This poem is based on a projected plan of the Jewish underground to use the lead of the printing plates for ammunition to stock its tiny arsenal. The poem's images link the ghetto struggle with the ancient battles for Jerusalem before the fall of the Temple.*

## *The Lead Plates at the Rom Press*

Arrayed at night, like fingers stretched through bars
To clutch the lit air of freedom,
We made for the press plates, to seize
The lead plates at the Rom printing works.
We were dreamers, we had to be soldiers,
And melt down, for our bullets, the spirit of the lead.

At some timeless native lair
We unlocked the seal once more.
Shrouded in shadow, by the glow of a lamp,
Like Temple ancients dipping oil
Into candelabrums of festal gold,
So, pouring out line after lettered line, did we.

Letter by melting letter the lead,
Liquefied bullets, gleamed with thoughts:
A verse from Babylon, a verse from Poland,
Seething, flowing into the one mold.
Now must Jewish grit, long concealed in words,
Detonate the world in a shot!

און ווער ס'האָט אין געטאָ געזען דאָס כּלי־זיין
פֿאַרקלאַמערט אין העלדישע יידישע הענט —
געזען האָט. ער ראַנגלען זיך ירושלים,
דאָס פֿאַלן פֿון יענע גראַניטענע ווענט;
פֿאַרנומען די ווערטער, פֿאַרשמאָלצן אין בלייען,
און זייערע שטימען אין האַרצן דערקענט.

[ווילנער געטאָ, 12טן סעפּטעמבער 1943]
1618 פעברואר 1944

Who in Vilna Ghetto has beheld the hands
Of Jewish heroes clasping weapons
Has beheld Jerusalem in its throes,
The crumbling of those granite walls;
Grasping the words smelted into lead,
Conning their sounds by heart.

Vilna Ghetto,
September 12, 1943

*Neal Kozodoy*

## פֿאַרפֿרוירענע יידן

האָסטו געזען איבער פֿעלדער מיט שניי
פֿאַרפֿרוירענע יידן, אַ ריי נאָך אַ ריי?

זיי ליגן אָן אָטעם, פֿאַרמירמלט און בלאָ,
נאָר טויט איז אין זייערע קערפּערס ניטאָ.

ווײַל ס'פֿינקלט אויך ערגעץ פֿאַרפֿרוירן דער גײַסט,
ווי אַ גילדענער פֿיש, אין אַ כוואַליע פֿאַראײַזט.

זיי ריידן ניט. שווײַגן ניט. יעטוועדער טראַכט.
און די זון ליגט פֿאַרפֿרוירן אין שניי אויך בײַ נאַכט.

עס גליט אויף אַ ראָזלעכער ליפּ אין געפֿריר
אַ שמייכל און קען זיך ניט געבן קיין ריר.

אַ טראָט לעם דער מאַמען ליגט הונגעריק ס'קינד
און מאָדנע: זי קען עס ניט זייגן אַצינד.

און ס'גליוועט אַ פֿויסט בײַ אַ נאַקעטן גרײַז
און קען ניט זײַן כּוח באַפֿרײַען פֿון אײַז.

כ'האָב אַלערליי טויטן פֿאַרזוכט ביז אַהער
און ס'קען מיך שוין קיינער ניט וווּנדערן מער.

נאָר אַצינד אין דער יוליקער היץ אויף אַ גאַס
באַפֿאַלט מיך אַ פֿראָסט ווי ס'באַפֿאַלט משוגעת:

עס גייט מיר אַנטקעגן דאָס בלאָע געביין —
פֿאַרפֿרוירענע יידן אויף שנייִקן פּליין.

מײַן הויט ווערט באַצויגן מיט מירמלנער שיכט,
און אָפּשטעלן נעמט זיך דאָס וואָרט און דאָס ליכט.

און אויך מײַן באַוועגונג פֿאַרפֿרירט, ווי בײַם גרײַז,
וואָס קען ניט זײַן כּוח באַפֿרײַען פֿון אײַז.

מאָסקווע, 10טן יולי 1944

---

## *Frozen Jews*

Did you ever see in fields of snow
Frozen Jews, in row upon row?

Breathless they lie, marbled and blue.
Of death in their bodies, no hint and no clue.

Somewhere their spirit is frozen and saved
Like a golden fish in a frozen wave.

Not speaking. Not silent. Just *thinking* bright.
The sun too lies frozen in snow at night.

On a rosy lip, in the freeze, still glows
A smile — will not move, not budge since it froze.

Near his mother, a baby starving, at rest.
How strange: she cannot give him her breast.

The fist of a naked old man in surprise:
He cannot release his force from the ice.

So far, I have tasted all kinds of death,
None will surprise me, will catch my breath.

But now, overcome in the mid-July heat
By a frost, like madness, right in the street:

They come toward me, blue bones in a row —
Frozen Jews over plains of snow.

My skin is covered with a marble veil.
My words slow down; my light that is frail.

My motions freeze, like the old man's surprise,
Who cannot release his force from the ice.

*Moscow, July 10, 1944*